בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת און הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים און מְחַנְּכוֹת

פָארגְרֶעסֶערְטֶע גִלָּיוֹן לִכְבוֹד יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת


גליון י"ג

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת נשא - חג השבועות תשפ"ג


## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּעִנְיָנֵי חִינּוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

**פַארְגַאנְגֶענֶעם שְׁבִיעִי שֶׁל פֶּסַח אִינְדֶערְפְרִי הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעדַאוֶוענְט אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה", דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעגֶעבְּן אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּ פְרֶעגְן שְׁאֵלוֹת בְּעִנְיָנֵי חִינּוּךְ. מִיר בְּרֶענְגֶען דָא אַרָאפּ אַ שֵׁיינֶע בַּאשְׁרַייבּוּנְג פוּנֶעם גַאנְצְן שְׁמוּעֶס, וָואס מִיר הָאבְּן עֶרְהַאלְטְן פוּנֶעם חָשׁוּבְ'ן גַבְּאַי הַבַּיִת הַמֶּדְרָשׁ הי"ו, ותשחח"ל.**

שְׁבִיעִי שֶׁל פֶּסַח אִינְדֶערְפְרִי הָאבְּן מִיר גֶעהַאט דִי גְרוֹיסֶע זְכִיָ' אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז גֶעקוּמֶען דַאוֶוענֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, שְׁכּ"חַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ זִיךְ אָפְּרוּעֶן אַבִּיסְל פוּן דִי לַאנְגֶע וֶועג, וָואס נֶעמְט בְּעֶרֶךְ אַ שָׁעָה. עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אַז עֶס אִיז זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע וֶועטֶער און אֶפְשָׁר זָאל מֶען אַרוֹיסְגֵיין אוֹיף דִי פְרִישֶׁע לוּפְט, עֶס אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶע שֶׁטַח אַרוּם דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, מֶען זָאל זִיךְ אַרוֹיסְזֶעצְן אוּנְטֶער דִי זוּן.

מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אַ טִישׁ אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל זִיךְ קֶענֶען אַרָאפְּזֶעצְן, מֶען הָאט גֶעבְּרֶענְגְט בֶּענְק און בֶּענְקְלֶעךְ, הָאט זִיךְ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אָנְגֶערוּפְן אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין רֶבִּי'... לְמַעֲשֶׂה הָאט מֶען זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט און מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶס.

### וֶוער קֶען אַלֶע שְׁפְּרַאכְן?

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעפְרֶעגְט אַפָּאר קִינְדֶער וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן פַאר אֲפִיקוֹמָן, דִי קִינְדֶער הָאבְּן גֶעעֶנְטְפֶערְט, אֵיין קִינְד הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן אַ שְׁפִּילְצֵייג פוּן אַפָּאר גֶעִימְס און עֶס רֶעדְט אַפָּאר שְׁפְּרַאכְן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַרַיין אִין זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶס אִיבֶּער דֶעם, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה פְרֶעגְט דָאס קִינְד: "דוּ וֵוייסְט וֶוער עֶס קֶען אַלֶע שְׁפְּרַאכְן?" און דָאס קִינְד הָאט נִישְׁט גֶעכַאפְּט, און דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז מַמְשִׁיךְ: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען אַאאַאַלֶע שְׁפְּרַאכְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְשְׁטֵייט אַלֶע שְׁפְּרַאכְן, מֶען דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן און אִים אַלֶעס בֶּעטְן".

### עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט לִיבּ...

דִי קִינְדֶערְלֶעךְ זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אַרוּם דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה און דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט צוּ רֶעדְן מִיט אִים און פְרֶעגְן זֵייעֶרֶע שְׁאֵלוֹת וּסְפֵקוֹת, אֵיין קְלֵיין קִינְד הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַז עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט לִיבּ, וָואס עֶר זָאל טוּן? הָאט אִים דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעעֶנְטְפֶערְט בְּמֶתֶק לְשׁוֹנוֹ: "**דָאס אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם, אַסַאךְ קִינְדֶער טְרַאכְטְן און שְׁפִּירְן אַזוֹי, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט זִיךְ יָא לִיבּ הָאבְּן**".

### וֶוען גֵייעֶן מִיר הָאבְּן בְּרִידֶערְס?

אַ צְוֵוייטֶע קִינְד פוּן אַ מִשְׁפָּחָה פוּן מֵיידְלֶעךְ הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶוען זֵיי גֵייעֶן הָאבְּן בְּרִידֶערְס, הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעזָאגְט: "**דַיין מַאמֶע וֶועט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם הָאבְּן אִינְגְלֶעךְ, וֶוען? דָאס וֵוייסְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער**".

נָאכְן זִיצְן אַזוֹי פַאר אַ גוּטֶע פָּאר מִינוּט, און זִיךְ אָפְּרוּעֶן פוּן דִי וֶועג אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה מַלְכָּה וָואס גֶעפוּנְט



זִיךְ אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ עֲצָתוֹ אֱמוּנָה. דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זִיךְ גֶעמַאכְט אַ קַאוֶוע, עֶר הָאט גֶענוּצְט אַ פְּלֶעסְטִיק קָאפּ, נָאכְן מְבַרֵר זַיין אַז דִי פַּאפִּירֶענֶע קָאפְּס וָואס אִיז גֶעוֶוען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הָאט נִישְׁט אַ הֶכְשֵׁר אַז עֶס אִיז כָּשֵׁר לְפֶסַח, עֶר הָאט אָנְגֶעמֶערְקְט אַז פֶּסַח מֶעג מֶען נָאר נוּצְן פַּאפִּירֶענֶע קָאפְּס מִיט אַ הֶכְשֵׁר, וַוייל מֶען בַּאשְׁמִירְט עֶס מִיט פַּארְשִׁידֶענֶע בַּאשְׁטַאנְדְטֵיילְן וָואס קֶענֶען זַיין חָמֵץ חַס וְשָׁלוֹם.

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה צוּרִיק גֶעקוּמֶען אֶל מְקוֹמוֹ הָרִאשׁוֹן בַּיים סוּכָּה הַגְּדוֹלָה אִינֶעם שֶׁטַח נֶעבְן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, מִיט זַיין מִשְׁנִיּוֹת. יֶעצְט זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען מֶער אִינְגֶעלַייט אָנְוֶועזְנְד, אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעגֶעבְּן אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט צוּ פְרֶעגְן שְׁאֵלוֹת.

### • שְׁאֵלָה א •

**אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט גֶעפְרֶעגְט וִוי אַזוֹי עֶס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ גֶעבְּן אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט פַאר אַ קִינְד וָואס פַארְדִינְט אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט צוּלִיבּ אַ גוּטֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, אָדֶער זִיךְ אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט אִין עֶפֶּעס, אִין פָארְנְט פוּן זַיינֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער.**

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"יֶעדֶעס קִינְד הָאט זַיין שַׁאנְס צוּ בַּאקוּמֶען סְפֶּעצִיעֶלֶע אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט וֶוען עֶר צֵייכְנְט זִיךְ אוֹיס אִין אַ גֶעוִויסֶע זַאךְ, אוּן טוּט עֶפֶּעס גָאר סְפֶּעצִיעֶל, אוּן דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, דִי גֶעשְׁוִויסְטֶער, דַארְפְן וִויסְן אַז זֵיי וֶועלְן הָאבְּן זֵייעֶר שַׁאנְס וֶוען עֶס גֵייט קוּמֶען דִי רֵייעֶ אוֹיף זֵיי".**

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט צוּגֶעלֵייגְט: **"אַמָאל אַז עֶס מַאכְט זִיךְ אַז אֵיינֶער פוּן דִי גֶעשְׁוִויסְטֶער קֶענֶען עֶס מַמָשׁ נִישְׁט נֶעמֶען, קֶען מֶען גֶעבְּן פַאר דָאס קִינְד אַבִּיסֶל תְּשׂוּמַת לֵב, אָבֶּער קִינְדֶער דַארְפְן וִויסְן אַז יֶעדֶעס קִינְד הָאט זֵייעֶר שַׁאנְס פַאר סְפֶּעצִיעֶלֶע אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט".**

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט דֶערְצֵיילְט, אֵיינְמָאל הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ סִיוּם הַשַּׁ"ס פַאר אַ קִינְד אוּנְטֶער דִי בַּר מִצְוָה אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ מִיט דִי גַאנְצֶע פָּאמְפֶּע, עֶר הָאט אָבֶּער בַּאמֶערְקְט וִוי אַ יוּנְגֶערֶער בְּרוּדֶער פוּן דֶעם קִינְד קֶען עֶס נִישְׁט נֶעמֶען, זַיינֶע אוֹיגְן שְׁפְּרִיצְן פֵייעֶר פוּן קִנְאָה, הָאט עֶר אִים אוֹיךְ גֶעוָואלְט גֶעבְּן אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט, הָאט עֶר אִים גֶעבֶּעטְן צוּ רֶעדְן אַפָּאר וֶוערְטֶער אוֹיפְ'ן מֵייק לְשִׁבְחוֹ פוּן זַיין בְּרוּדֶער... אַמָאל דַארְף מֶען דָאס אוֹיךְ טוּן, אָבֶּער בְּדֶרֶךְ כְּלָל דַארְפְן קִינְדֶער וִויסְן נִישְׁט צוּ מְקַנֵּא זַיין, נָאר יֶעדֶער אֵיינֶער וֶועט הָאבְּן זַיין גֶעלֶעגְנְהֵייט.

### • שְׁאֵלָה ב •

**אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, אַז אַסַאךְ מָאל וֶוען עֶר מַאכְט אַן עֵסֶק פוּן זַיין קְלֵיין קִינְד, אַ בֶּעבִּי, וִוינְקְט אִים זַיין וַוייבּ מִיט דִי אוֹיגְן אוֹיף דִי גְרֶעסֶערֶע קִינְד, אַז עֶר זָאל פוּן אִיר אוֹיךְ מַאכְן אַן עֵסֶק; וָואס אִיז רִיכְטִיג צוּ טוּן?**

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעזָאגְט: **"דָאס אִיז שׁוֹין עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ,** לִיבּ הָאבְּן אֵיין קִינְד מֶער וִוי דִי אַנְדֶערֶע וֶועגְן גֶעוִויסֶע חֵן וָואס מֶען הָאט אָדֶער גֶעלוּנְגֶענְקֵייטְן - דָאס אִיז שׁוֹין אַ גֶעמֵיינֶע זַאךְ, דָאס קֶען אַוֶועקְלֵייגְן אַ קִינְד, מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דֶעם, מֶען **דַארְף לִיבּ הָאבְּן אַלֶע קִינְדֶער דִי זֶעלְבֶּע, מֶען רֶעדְט דָא בְּנוֹשֵׂא פוּן אַרוֹיסְוַוייזְן סְפֶּעצִיעֶלֶע אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט וֶוען אַ קִינְד הָאט גֶעטוּן אַ מִצְוָה, אָדֶער אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע זַאךְ; דַיין וַוייבּ וִויל נִישְׁט אַז דַיין גְרוֹיסֶע טָאכְטֶער זָאל שְׁפִּירְן אַז דוּ הָאסְט מֶער לִיבּ דִי קְלֵיינֶע".**

### • שְׁאֵלָה ג •

**אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס עֶר קֶען טוּן אַז זַיין קִינְד וֵויינְט אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט?**

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעזָאגְט, עֶר זָאל שֵׁיין זָאגְן פַארְ'ן קִינְד יֶעדֶע מָאל: **"רֶעד שֵׁיין", "בֶּעט שֵׁיין, דַארְפְסְט נִישְׁט וֵויינֶען"**, זָאגְן אוּן זָאגְן, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וֶועט זִיךְ דָאס קִינְד אוֹיסְלֶערְנֶען.

(אַגַב, דֶערְמַאן אִיךְ זִיךְ פוּן אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט וֶוען אִיךְ הָאבּ מִיטְגֶעהַאלְטְן וִוי אַ אִינְגֶערְמַאן בֶּעט אַן עֵצָה פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוֹיף זַיין קִינְד, אַ מֵיידְל, וָואס אִיז זֵייעֶר אַ הַארְצִיגֶע אוּן גֶעפִילִישׁ קִינְד אוּן וֵויינְט בִּכִיּוֹת נוֹרָאוֹת בַּיי יֶעדֶע קְלֵיינֶע טְשֶׁעפֶּע וָואס אַ צְוֵוייטֶע קִינְד טְשֶׁעפֶּעט אִיר, וְכוּ', וָואס עֶר זָאל טוּן.

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעזָאגְט פַאר דֶעם אִינְגֶערְמַאן: "קוֹדֶם כָּל אַז זִי אִיז דַיין טָאכְטֶער מוּז זִי זַיין אַ שְׁטִיק הַארְץ אוּן גֶעפִיל, זִי אִיז דָאךְ דַיין טָאכְטֶער... צְוֵוייטְנְס, דוּ דַארְפְסְט אִיר זָאגְן קַאלְטֶערְהֵייט יֶעדֶעס מָאל אוֹיף זַאכְן אוֹיף וָואס זִי וֵויינְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ, זִי דַארְף נִישְׁט וֵויינֶען. אָבֶּער דָאס קֶען נָאר אַרְבֶּעטְן אַז דוּ בִּיסְט דֶער טַאטֶע, נִישְׁט אִיר חַבֶרְ'טֶע... אַז דַיין קֶשֶׁר מִיט אִיר גֵייט אוֹיף אַן אוֹפְן פוּן שְׁמוּעֶסְן אוּן מַסְבִּיר זַיין יֶעדֶע זַאךְ - וֶועט עֶס נִישְׁט אַרְבֶּעטְן, זִי דַארְף שְׁפִּירְן וִוי דוּ בִּיסְט אִיר טַאטֶע, וָואס זָאגְט, בַּאפֶעלְן, טְרוּקֶענֶע פַאקְטְן וָואס זִי הָאט צוּ טוּן.

דָאס אִיז בִּכְלָלִיּוּת; וֶוער פוּן דִי עֶלְטֶערְן עֶס הָאט דִי צוּגַאנְג צוּ דִי קִינְדֶער פוּן שְׁמוּעֶסְן אוּן מַסְבִּיר זַיין וְכוּ', הָאבְּן נִישְׁט דִי קִינְדֶער דִי רִיכְטִיגֶע דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ דֶעם פוּן דִי עֶלְטֶערְן, דִי גֶעזוּנְטֶע צוּגַאנְג פוּן עֶלְטֶערְן אִיז צוּ זַיין שְׁטְרֶענְג צוּ דִי קִינְדֶער, גֶעבְּן הוֹרָאוֹת").

### • שְׁאֵלָה ד •

**אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט גֶעפְרֶעגְט וִוי אַזוֹי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען עֶרְקְלֶערְן דִי סִיבָּה פַארְוָואס מֶען זֶעט מִשְׁפָּחוֹת וָואס אֵיינְצֶעלְנֶע אָדֶער מֶער גֶעשְׁוִויסְטֶער זֶענֶען מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן אַ חֵלֶק מִשְׁפָּחָה נִישְׁט.**

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט **"אִיךְ הָאבּ זִיךְ אִיטְלִיכְן פוּן אַייךְ אוֹיסְגֶעקוּקְט"**, דָאס הֵייסְט אַז דֶער

>>> פארזעצונג פון עמוד ג'

רֶבִּי קְלוֹיבְּט זִיךְ אוֹיס וֶוער עֶס זָאלְן זַיין זַיינֶע תַּלְמִידִים, מִמֵּילָא אַז מֶען זֶעט אַ מִשְׁפָּחָה מִיט עֶטְלִיכֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער וָואס אַ חֵלֶק זֶענֶען מְקוֹרָב און אַ חֵלֶק נִישְׁט, אִיז עֶס צוּלִיבּ דֶער סִיבָּה, אַז דִי וָואס זֶענֶען מְקוֹרָב הָאט דֶער רֶבִּי זֵיי אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן אוּן דִי וָואס נִישְׁט - נִישְׁט.

## • שְׁאֵלָה ה •

### הָאט דֶער אִינְגֶערְמַאן גֶעפְרֶעגְט, דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ גֶעוָואלְט אוּן וִויל צוּרִיק בְּרֶענְגֶען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס הָאט דֶער רֶבִּי פוּן דֶעם אַז עֶר הָאט זַיינֶע גֶעקְלִיבֶּענֶע תַּלְמִידִים?

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט פוּן דִי שְׁאֵלָה, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: **"זֵייעֶר אַ גוּטֶע שְׁאֵלָה, אִיךְ הָאבּ גֶעוַוארְט מֶען זָאל מִיר עֶס פְרֶעגְן"**, אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען: "**זָאגְסְט דָאךְ אַלֵיינְס אַז דֶער רֶבִּי וִויל צוּרִיק בְּרֶענְגֶען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ תּוֹרָה וּמִצְוֹת, נִישְׁט דַוְקָא צוּ זַיין בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חֲסִידִים, נוּ, דָאס אִיז דֶער תַּפְקִיד פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס תַּלְמִידִים, צוּ מְחַזֵּק זַיין אַנְדֶערֶע אוֹיף אֱמוּנָה, קִיּוּם הַמִּצְוֹת אוּן אַזוֹי וַוייטֶער**", אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעזָאגְט פַאר דֶעם אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט גֶעפְרֶעגְט דִי שְׁאֵלָה: "**דַיינֶע בְּרִידֶערְס שֶׁעפְּן חִיזּוּק אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם פוּן עֶנְק בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר אִין דִי מִשְׁפָּחָה, זֵיי זֶעעֶן וִוי אַזוֹי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד לֶעבְּט, וִוי אַזוֹי מֶען פִּירְט זִיךְ אוֹיף אִינְדֶערְהֵיים, מֶען רֶעדְט שֵׁיין צוּ דִי וַוייבּ, מֶען אִיז מְחַנֵּךְ דִי קִינְדֶער, דָאס גֶעבְּט זֵיי חִיזּוּק אָנְצוּגֵיין וַוייטֶער אִין לֶעבְּן, אֲפִילוּ זֵיי וֶוערְן נִישְׁט בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חֲסִידִים לֶעבְּן זֵיי אַ שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע לֶעבְּן אַדַאנְק זֵייעֶרֶע בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר גֶעשְׁוִויסְטֶער, אוּן אַזוֹי אִיז מִיט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּנְזֶער אַרְבֶּעט פוּן הַפָּצָה אִיז - מְחַזֵּק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוֹיף קִיּוּם הַתּוֹרָה וְהַמִּצְוֹת**".

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוֹיסְגֶעפִירְט, אַז עֶס אִיז אוֹיךְ דָא אַזַא זַאךְ אַז אַ מֶענְטְשׁ בּוֹיט זִיךְ אוֹיף אַ בְּלַאקִידְזְשׁ, עֶר וִויל נִישְׁט הֶערְן אוּן גֶעדֶענְקֶען פוּן בְּרֶסְלֶב; דָאס הָאט נִישְׁט מִיט שֵׂכֶל, נָאר דֶער מֶענְטְשׁ הָאט בַּיי זִיךְ אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר וִויל נִישְׁט הָאבְּן מִיט בְּרֶסְלֶב צוּ טוּן, דֶערִיבֶּער אִינְטֶערֶעסִירְט אִים נִישְׁט אַז זַיינֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער זֶענֶען בְּרֶסְלֶב.

## • שְׁאֵלָה ו •

### אוֹיךְ הָאט אַ אִינְגֶערְמַאן גֶעפְרֶעגְט אַ שְׁאֵלָה, אוֹיבּ עֶר מֶעג פָארְן מִיט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוֹיף דִי נְסִיעָה אוֹיף מְקוֹמוֹת הַקְּדוֹשִׁים קַיין פּוֹילְן, נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט חוֹבוֹת?

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעזָאגְט, עֶס וֶוענְדְט זִיךְ וָואס פַאר אַ חוֹבוֹת, בַּאצָאלְן מָארְגִידְזְשׁ, דִי קַאר וְכַדּוֹמֶה - הֵייסְט נִישְׁט קַיין חוֹבוֹת, חוֹבוֹת הֵייסְט אַז מֶען אִיז שׁוּלְדִיג חוֹבוֹת פַאר מֶענְטְשְׁן, פַאר קְרֶעדִיט קַארְדְס וְכוּ', הָאט דֶער אִינְגֶערְמַאן גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט חוֹבוֹת, אָבֶּער אֵיינֶער דַארְף אִים יֶעצְט בַּאצָאלְן אוֹיף אַן אַרְבֶּעט דִי סְכוּם פוּן וִויפִיל חוֹבוֹת עֶר הָאט, הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעזָאגְט, קוֹדֶם זָאל דִיר יֶענֶער בַּאצָאלְן דֶעם סְכוּם, נָאכְדֶעם וֶועסְטוּ קֶענֶען פָארְן...

• • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • • •

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעפְרֶעגְט וִויפִיל דִי זֵייגֶער אִיז, אוּן מֶען אִיז אַרַיין אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ זִיךְ צוּ שְׁטֶעלְן דַאוֶוענֶען.

מִיר הָאבְּן גֶעהַאט דִי זְכִיָּה אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעדַאוֶוענְט שַׁחֲרִית אוּן מוּסָף, וִוי אוֹיךְ אִיז עֶר גֶעוֶוען בַּעַל קוֹרֵא (אַגַב, בַּיים אַיינְלַיידֶענֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה צוּ קוּמֶען דַאוֶוענֶען דָא, הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעבֶּעטְן דֶעם גַבַּאי אַז עֶר וִויל מֶען זָאל אִים אִיבֶּערְגֶעבְּן דָאס לֵיינֶען פוּן דִי שִׁירָה); דָאס דַאוֶוענֶען אוּן הַלֵּל אוּן קְרִיאַת הַתּוֹרָה אִיז גֶעוֶוען מִיט אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוּן דֶערְהוֹיבְּנְקֵייט צוּזַאמֶען, מַמָּשׁ וִוי דֶער רֶבִּי רוּפְט דָאס מַיִם מְתִיקִין, עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ בַּאשְׁרַייבְּן דִי קְרִיאַת הַתּוֹרָה וִוי אַלֶע הָאבְּן גֶעשְׁפִּירְט דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן זָאגְן שִׁירָה פַארְן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער פַאר דִי נִיסִים פוּן אַמָאל בִּכְלָלִיּוּת, אוּן פוּן יֶעצְט, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, בִּפְרָטִיּוּת.

פַארְ'ן לֵיינֶען הָאבְּן דִי גַבָּאִים אוֹיפְגֶעמִישְׁט דִי סֵפֶר תּוֹרָה צוּ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, צוּ דִי קְרִיאָה פוּן שְׁבִיעִי שֶׁל פֶּסַח, אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט זֵיי פָארְגֶעהַאלְטְן מִיט אַ שְׁטְרֶענְגֶע טָאן אַז דָאס דַארְפְן דִי גַבָּאִים אִינְזִין הָאבְּן בֶּעפָאר דֶעם, נִישְׁט אוֹיפְמִישְׁן פַארְ'ן לֵיינֶען, דָאס אִיז 'טִירְחָא דְצִיבּוּרָא'!

מִיר הָאבְּן זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט הֶערְן אַפָּאר וֶוערְטֶער פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, שֵׁיינֶע חִיזּוּק בְּעִנְיָנָא דְיוֹמָא, קוֹדֶם הָאבְּן דִי גַבָּאִים גֶעטְרַאכְט צוּ בֶּעטְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶר זָאל רֶעדְן פַארְ'ן לֵיינֶען, אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעקוּמֶען. נָאכְן דַאוֶוענֶען הָאט אֵיינֶער פוּן דִי גַבָּאִים וָואס וואוֹינְט אִינֶעם בִּנְיָן פוּנֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ גֶעבֶּעטְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוֹיבּ עֶר וִויל רֶעדְן אַפָּאר וֶוערְטֶער, הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעזָאגְט: **"אִיךְ וֶועל נִישְׁט רֶעדְן דָא, אִיךְ וֶועל אַרוֹיפְגֵיין צוּ דִיר קִידּוּשׁ מַאכְן"**.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען צוּם גַבַּאי'ן אִין שְׁטוּבּ, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אַלֶע מִתְפַּלְּלִים. דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן גַבַּאי עֶר זָאל מַאכְן קִידּוּשׁ אוּן מוֹצִיא זַיין אַלֶעמֶען. דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעטְרִינְקֶען אַ רְבִיעִית גְרֶעיפּ דְזשׁוּס אוּן גֶעזָאגְט פַאר אַלֶע בַּאטֵיילִיגְטֶע מֶען זָאל טְרִינְקֶען אַ רְבִיעִית, אַזוֹי וֶוערְט דָאס גֶערֶעכְנְט אַלְס 'קִידּוּשׁ בִּמְקוֹם סְעוּדָה'.

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוֹיפְגֶעטְרֶעטְן מִיט דִּבְרוֹת קוֹדֶשׁ, וִוי מִיר דַארְפְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס הָאט אוֹיסְגֶעטְרֶעטְן אַ וֶועג פַאר אוּנְז וִוי אַזוֹי מִיר זָאלְן זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אוּן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען זָאל אִים נִישְׁט נָאכְמַאכְן מִיט דֶעם וָואס עֶר אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, וַוייל עֶר אִיז פַארְנוּמֶען אוֹיסְצוּהַאקְן אַ וֶועג וְכוּ', אוּן פַאר דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק מוֹהֲרָא"שׁ וָואס הָאט אוֹיסְגֶעטְרֶעטְן אַ וֶועג פַאר אוּנְז, אַז מִיר זָאלְן קֶענֶען גֵיין אִין רֶבִּינְ'ס וֶועגְן וְכוּ', דָאס אִיז דִי שַׁיְיכוּת מִיט נַחְשׁוֹן בֶּן עֲמִינָדָב, וָואס אִיז אַרַיינְגֶעשְׁפְּרִינְגֶען אִין וַואסֶער, נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף גָארְנִישְׁט, אוּן גֶעוִויזְן אַ וֶועג פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, צוּ קֶענֶען וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט פוּן דִי מִצְרַיִּים אוּן זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶע מְצָרִים.

דֶערְנָאךְ הָאט מֶען בַּאגְלֵייט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּן זִיךְ בַּאדַאנְקְט פַאר זַיין בַּאזוּךְ.

נָאכְ'ן שְׁמוּעֶס הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ דֶער שְׁרַייבֶּער פוּן דִי שׁוּרוֹת: **"וֶוען דוּ וֶועסְט אָפְּשְׁרַייבְּן דִי חִינוּךְ שְׁמוּעֶסְן, דִי שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת, זָאלְסְטוּ עֶס שִׁיקְן פַאר דִי שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ גִלְיוֹן"**.

# אַ שְׁמוּעֶס מִיטְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב תשפ"ב

**מִיטְ'ן אייבֶּערשְׁטְנ'ס הילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אייךְ דָא אַ הֶערְלִיכֶע שְׁמוּעֶס וָואס אִיז גֶעוָוארְן אָפְּגֶעהַאלְטְן צְוִוישְׁן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיטְ'ן מְלַמֵּד מוּמְחֶה הָרַב ר' יוֹאֵל טֵייטְלְבּוֹים הי"ו - מַקְרִית יוֹאֵל, דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, נָאכְ'ן זִיךְ צוּרִיק קֶערְן פוּן דִי נְסִיעָה צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים אִין אֵייְרָאפֶּע וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז גֶעפָארְן צוּזַאמֶען מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ. עֶס עֶנְטְהַאלְט פִילֶע שֵׁיינֶע חִיזּוּק פַאר מְלַמְּדִים אוּן מְחַנְּכִים אוּן אוֹיךְ נָאךְ אַסַאךְ שֵׁיינֶע זַאכְן.**

**הָרַב ר' יוֹאֵל:**

אַ צִיטֶער נֶעמְט מִיךְ אַרוּם, מִיר גֵייעֶן אַרִיבֶּער צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א - אוּנְזֶער וֶועג וַוייזֶער.

אִיךְ וִויל פְרֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, וִוי נֶעמְט מֶען כֹּחַ אָנְצוּגֵיין אִין חֶדֶר?!

**רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א:**

אָה, שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם טֵייעֶרֶער ר' יוֹאֵל, טֵייעֶרֶער מְחוּתְּן, דוּ הָאסְט שׁוֹין גֶעמַאכְט אַזוֹיפִיל אִינְטֶערְוְויוּ'ס מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אִיךְ וַוארְט שׁוֹין וֶוען וֶועסְטוּ מִיר רוּפְן, יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז יֶעצְט בִּין אִיךְ אוֹיף דִי רֵייעֶ.

טֵייעֶרֶער ר' יוֹאֵל וָואס קֶען אִיךְ דִיר הֶעלְפְן?

**הָרַב ר' יוֹאֵל:**

אִיךְ זֶע וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט עֶפֶּעס אַ בּוֹים וָואס עֶס וַואקְסְט דָארְט כֹּחַ, אִיךְ וִויל פָּשׁוּט אַרוֹיסְגֶעבְּן דִי סוֹדוֹת, פוּן וואוּ נֶעמְט מֶען דִי כּוֹחוֹת וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַארְמָאגְט?! אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד, אוֹי דַארְף מֶען דָאךְ הָאבְּן אַ וֶועלְט מִיט כֹּחַ דֶערְצוּ, אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַ רֶעסֶעפִּי פוּן כֹּחַ?

**רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א:**

הֶער מִיךְ גוּט אוֹיס; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן קיט) עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין מֶענְטְשׁ בָּזֶה הָעוֹלָם וָואס זָאל זִיךְ נִישְׁט מוּטְשֶׁען, יֶעדֶער אֵיינֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ, דֶער רֶבִּי זָאגְט אֲפִילוּ דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן אַסַאךְ גֶעלְט, דִי עֲשִׁירִים וָואס הָאבְּן גְרוֹיסֶע פַּאלַאצְן מוּטְשֶׁען זִיךְ אוֹיךְ, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיינֶער וָואס מוּטְשֶׁעט זִיךְ נִישְׁט, דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אִיז, אַנְטְלוֹיפְן צוּ דִי תּוֹרָה, אַנְטְלוֹיפְן צוּם אייבֶּערְשְׁטְן, אַנְטְלוֹיפְן צוּ דִי עֵצוֹת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן.

אִיךְ וֶועל דִיר דֶערְצֵיילְן וָואס אִיךְ הָאבּ הַיינְט גֶעהַאט, אַ שׁוֹידֶערְלִיכֶע מַעֲשֶׂה. אִיךְ בִּין נֶעכְטְן נַאכְט צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן אַ נְסִיעָה; הָאסְט גֶעהֶערְט אַז אִיךְ בִּין גֶעפָארְן אוֹיף אַ נְסִיעָה מִיט אַפָּאר אִינְגֶעלַייט?

**הָרַב ר' יוֹאֵל:**

יָא, אַוַודַאי!

**רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א:**

אִיךְ הָאף אַז קֵיינֶער אִיז נִישְׁט בְּרוֹגֶז אַז אִיךְ הָאבּ זֵיי נִישְׁט מִיטְגֶענוּמֶען; עֶס אִיז דָא אִינְגֶעלַייט וָואס זָאגְן 'אִיךְ טוּ מֶער פַאר דִי מוֹסָד', 'וָואס אִיךְ גֶעבּ פַאר דִי מוֹסָד אִיז וֶוערְד מֶער פוּן פִינְף טוֹיזְנְט דָאלֶער', דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, בַּיי מִיר בִּיסְטוּ דִי זֶעלְבֶּע חָשׁוּב אָן גֶעלְט אוּן מִיט גֶעלְט, נָאר דֶער אִינְגֶערְמַאן וָואס מַאכְט דֶעם יֶערְלִיכְן קָאמְפֵּיין זוּכְט וִוי אַזוֹי עֶר קֶען מַאכְן אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן זַיין וַוארֶעם צוּ שַׁאפְן גֶעלְט, הָאט עֶר מִיר גֶעפְרֶעגְט צִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז מַסְכִּים צוּ מַאכְן אַ נְסִיעָה פַאר דִי אִינְגֶעלַייט אוּן בָּחוּרִים וָואס בְּרֶענְגֶען אַרַיין אַ גֶעוִויסֶע סְכוּם לְטוֹבַת אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת, קוֹדֶם הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט 'וָואס? אַלֶעס אִיז וֶועדְלִיג גֶעלְט?! אוֹיבּ מֶען בְּרֶענְגְט יָא גֶעלְט אוּן אוֹיבּ מֶען בְּרֶענְגְט נִישְׁט גֶעלְט?!' אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה דַארְף אִיךְ דָאךְ קֶענֶען בּוֹיעֶן אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אַ מִקְוֶה, אַ מַצָּה בֶּעקֶערַיי, אוֹיךְ דַארְף אִיךְ עֶנְדִיגְן בּוֹיעֶן דֶעם בִּנְיָן אִין אוּמַאן, קֵיינֶער גֶעבְּט מִיר נִישְׁט אוּן קֵיינֶער הֶעלְפְט מִיר נִישְׁט, אִיז דָא דֶער אִינְגֶערְמַאן ... נֵרוֹ יָאִיר, וָואס אִיז מִיר זֵייעֶר גֶעטְרֵיי, עֶר הֶעלְפְט מִיר זֵייעֶר אַסַאךְ, אֲפִילוּ עֶר כַאפְּט גוּט אַרַיין פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ... קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס מֶען גֶעבְּט אִים צוּ פַארְזוּכְן אוּן צוּ הֶערְן... אִיז גֶעוָוארְן אַז מִיר פָארְן יָא.

נֶעכְטְן בִּין אִיךְ צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּנֶעם נְסִיעָה, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זֵייעֶר אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט פוּן אַזוֹיפִיל פָארְן אוּן פָארְן, אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען אִין יְשִׁיבָה לֶערְנֶען מִיט דִי בָּחוּרִים, קוּמְט אַרוֹיף אַ אִינְגֶערְמַאן עֶר בֶּעט אַז עֶר וִויל רֶעדְן צוּ מִיר, זָאגְט עֶר מִיר: "רֹאשׁ יְשִׁיבָה; אִיךְ הָאבּ אַלְץ גֶעהֶערְט בַּיי דִי דְּרָשׁוֹת אַז מֶען טָאר נִישְׁט גֶעטְרוֹיעֶן קַיין מֶענְטְשְׁן, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶס מֵיינְט נִישְׁט מִיךְ, עֶס מֵיינְט דֶעם, עֶס מֵיינְט יֶענֶעם, יֶעצְט הָאט מִיר אֵיינֶער בַּאגַנְבְ'עט אַ הַאלְבּ מִילְיָאן דָאלֶער!" אִיךְ קוּק אִים אָן, אִיךְ זָאג אִים: אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז מֶען שַׁאצְט דִיר מִיט אַזֶעלְכֶע נוּמֶערְן, וֶוען אִיךְ וָואלְט גֶעוואוּסְט אַז דוּ הָאסְט דִי נוּמֶערְן וָואלְט אִיךְ דִיר גֶעקֶענְט מְזַכֶּה זַיין צוּ גֶעבְּן גֶעלְט פַאר דִי הַדְפָּסָה בִּנְיָן, פַאר דִי מַצָּה בֶּעקֶערַיי, פַאר דִי מִקְוֶה, אָדֶער צוּ דְרוּקְן סְפָרִים.

עֶר דֶערְצֵיילְט מִיר אַז אֵיינֶער אִיז צוּגֶעקוּמֶען אוּן אִים גֶעוִויזְן פַאלְשֶׁע פַּאפִּירְן כְּאִילּוּ הָאט עֶר בִּיזְנֶעס וואוּ עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ אִינְוֶועסְטִירְן, בֶּאֱמֶת אִיז עֶר פָּשׁוּט אַ גֶעמְבְּלֶער אוּן עֶר הָאט דֶערְלֵייגְט דִי גַאנְצֶע גֶעלְט רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

דוּ וֵוייסְט וָואס מֵיינְט אַ גֶעמְבְּלֶער?

**הָרַב ר' יוֹאֵל:**

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס דָאס אִיז.

**רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א:**

דָאס אִיז נֶעבֶּעךְ אַ מַחְלָה; אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט זַיין גֶעלְט עֶר גֵייט אִין קַאסִינָאוֹ (דִי פְּלַאץ וואוּ מֶען גֶעמְבֶּעלְט) אוּן קְרַאצְט אוֹיס לַאטֶערִי'ס אוּן פַארְשְׁוֶועמְט דָארְט זַיין גַאנְצֶע גֶעלְט רַחֲמָנָא לִיצְלָן. זֵיי מַאכְן עֶס מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע חָכְמָה אוּן רֵייץ עֶס זָאל זִיךְ אִים דַאכְטְן וִוי עֶר גֵייט מַאכְן גֶעלְט, דִי עֶרְשְׁטֶע פָּאר מָאל מַאכְן זֵיי אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל בַּאקוּמֶען דֶעם אַפֶּעטִיט דֶערְצוּ, אוּן עֶר פַארְדִינְט טַאקֶע פוּפְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער, דֶערְנָאךְ הָאבְּן זֵיי נִישְׁט מוֹרָא אַז עֶר וֶועט אַוֶועק גֵיין אוּן בְּלַייבְּן מִיט דִי גֶעלְט, וַוייל מֶען בְּלַייבְּט שׁוֹין צוּגֶעקְלֶעבְּט דֶערְצוּ, בִּיז מֶען פַארְלִירְט דָארְט דִי גַאנְצֶע פַארְמֶעגְן.

בְּקִיצוּר, דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט גֶעבָּארְגְט פַאר אֵיינֶעם אַ הַאלְבּ מִילְיָאן דָאלֶער, אוּן יֶענֶער הָאט אִים אַלֶעס בַּאגַנְבְ'עט.

דוּ וֵוייסְט וָואס דָאס מֵיינְט אַ הַאלְבּ מִילְיָאן דָאלֶער? דוּ וֵוייסְט וָואס מֶען קֶען אַלְץ טוּן מִיט אַ הַאלְבּ מִילְיָאן דָאלֶער? דוּ וֵוייסְט וִויפִיל סְפָרִים מֶען קֶען דְרוּקְן מִיט אַ הַאלְבּ מִילְיָאן דָאלֶער? דוּ וֵוייסְט וִויפִיל מְלַמְּדִים מֶען קֶען בַּאצָאלְן גֶעהַאלְט מִיט אַ הַאלְבּ מִילְיָאן דָאלֶער? אִיךְ שְׁטֵיי אוּן אִיךְ טְרַאכְט צוּ מִיר: 'רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, יֶעצְט זֶע אִיךְ וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט, (נִישְׁט אַז אִיךְ דַארְף אַ רְאָיָה אוֹיף וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט, נָאר יֶעצְט זֶע אִיךְ עֶס), יֶעדֶער אֵיינֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ, אַ מֶענְטְשׁ פַארְדִינְט גֶעלְט, עֶר לֵייגְט אַוֶועק אַ סוּמֶע גֶעלְט, עֶר מֵיינְט נֶעבֶּעךְ אַז עֶר וֶועט קֶענֶען מִיט דֶעם חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער, קוּמְט אַ רוֹיבֶּער אוּן נֶעמְט עֶס צוּ פוּן אִים.

וִויל אִיךְ דִיר זָאגְן, דוּ פְרֶעגְסְט 'וִוי אַזוֹי מֶען הָאט כֹּחַ צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד', אַז מֶען הֶערְט אַזַא מַעֲשֶׂה הָאט מֶען שׁוֹין חִיזּוּק, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וִויפִיל יָאר דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעדַארְפְט אַוֶועקְלֵייגְן אַ הַאלְבּ מִילְיָאן דָאלֶער, קוּק וָואס אִיז גֶעבְּלִיבְּן פוּן זַיין יָאר וָואס עֶר הָאט אָפְּגֶעשְׁפָּארְט דָאס גֶעלְט, אוּן וָואס אִיז גֶעבְּלִיבְּן פוּן דַיין יָאר וָואס דוּ בִּיסְט גֶעזִיצְן אוּן גֶעלֶערְנְט מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער!

עֶס אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַ אִינְגֶערְמַאן פוּן הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִין 'יְרוּשָׁלַיִם', (עֶר וִויל נִישְׁט אִיךְ זָאל זָאגְן זַיין נָאמֶען בָּרַבִּים), זָאגְט עֶר מִיר דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ: "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט וֶוען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה רֶעדְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט גֶעטְרוֹיעֶן קַיין מֶענְטְשְׁן, רֶעדְט מֶען פוּן דֶעם אוּן פוּן יֶענֶעם", עֶר הָאט אַ גֶעשֶׁעפְט וואוּ עֶר פַארְקוֹיפְט בּוּנְדְלֶעךְ, עֶר הָאט זִיךְ נָאךְ עֶטְלִיכֶע יָאר אָפְּגֶעשְׁפָּארְט דֶעם סְכוּם פוּן **'זִיבְּן הוּנְדֶערְט אוּן פוּפְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער!'** אוּן אוֹיף אַ גֶעוִויסֶע וֶועג הָאט אִים אֵיינֶער בַּאגַנְבְ'עט דִי גַאנְצֶע גֶעלְט.

קוּמְט אוֹיס, וָואס אִיז גֶעבְּלִיבְּן פוּן זַיינֶע יָארְן - תשע"ז, תשע"ח, תשע"ט, תש"פ, תשפ"א אוּן תשפ"ב? גָארְנִישְׁט! אַ רוֹיבֶּער אִיז גֶעקוּמֶען אוּן אַוֶועק גֶענוּמֶען זַיין גֶעלְט, אוּן פוּן דִיר ר' יוֹאֵל וָואס דוּ זִיצְט מִיט דִי קִינְדֶער, דוּ טַאנְצְט מִיט זֵיי: "אַ מְחַיֶּה צִיצִית", "אַ מְחַיֶּה פֵּיאוֹת", "אַ מְחַיֶּה קַאפְּל", "אַ מְחַיֶּה רֶעדְן

# אַ שְׁמוּעֶס מִיטְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

דָאנֶערְשְׁטָאג פָּרָשַׁת וַיֵּשֶׁב תשפ"ב

**צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן"**, דָאס בְּלַייבְּט, צִי מֶען זֶעט עֶס יָא, אָדֶער מֶען זֶעט עֶס נִישְׁט, רוּחָנִיּוּת בְּלַייבְּט, וָואס אַ מְלַמֵּד טוּט בְּלַייבְּט.

לֶעצְטְנְס אִיז אַוֶועק אַ מְלַמֵּד, הָאט עֶר גֶעלָאזְט צַוָואָה אַז עֶר בֶּעט אִיבֶּער אַלֶע זַיינֶע תַּלְמִידִים, עֶר שְׁרַייבְּט: **"וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז מֶען הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז מֶען דַארְף רַצְח'עֶנֶען"**, עֶר וֵויינְט אִין דִי צַוָואָה, עֶר בֶּעט יֶעדֶער זָאל אִים מוֹחֵל זַיין, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז מֶען דַארְף נִישְׁט שְׁלָאגְן.

בָּרוּךְ ה' אַז מִיר הָאבְּן מוֹהֲרָא"שׁ, מִיר הָאבְּן דֶער רֶבִּי וָואס זָאגְט אוּנְז 'עֶס אִיז אַ שָׁאד צוּ שְׁלָאגְן! קֶענְסְט דָאךְ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער, רֶעד נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל'.

אִינְמִיטְן דִי נְסִיעָה, אִינְמִיטְן דִי נַאכְט וֶוען אִיךְ בִּין שׁוֹין עֶנְדְלִיךְ אַרַיין אִין בֶּעט פַאר אַפָּאר מִינוּט, רוּפְט מִיךְ אָן אַ מְלַמֵּד, עֶר אִיז אוֹיס מֶענְטְשׁ, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אַ טַאטֶע הָאט אִים גֶערוּפְן אַז זַיין זוּן דֶערְצֵיילְט אִים אַז צְוֵויי קִינְדֶער בַּאהַאלְטְן זִיךְ אוּן שְׁפִּילְן זִיךְ נִישְׁט עֶרְלִיכֶערְהֵייט, זֵיי טוּעֶן זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט טוּן, זָאג אִיךְ אִים: וֶועגְן דֶעם בִּיסְטוּ מְלַמֵּד! זָאג פַאר דִי קִינְדֶער נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל: **"דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט דָאס נִישְׁט"**, **"דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא"**, **"מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּצִיעֶן דִי הוֹיזְן"**.

פַאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער פוּן כִּיתּוֹת א, ב, ג, ד, ה, ו קֶען מֶען נִישְׁט זָאגְן: "מֶען טָאר נִישְׁט לֵייגְן דִי הֶענְט וואוּ מֶען טָאר נִישְׁט", זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן נָאכְנִישְׁט וואוּ מֶען טָאר נִישְׁט, מֶען דַארְף רֶעדְן קְלָאר: **"מֶען טָאר נִישְׁט אַרָאפְּצִיעֶן דִי הוֹיזְן"**, **"מֶען טָאר נִישְׁט אַרַיינְשְׁטֶעקְן דִי הֶענְט אִין דִי זִיפֶּער"**, אוּן **"קֵיינֶער טָאר זִיךְ נִישְׁט בַּאהַאלְטְן מִיט דִיךְ"**, מֶען דַארְף רֶעדְן אָפֶענֶע דִיבּוּרִים.

יֶענֶער מְלַמֵּד אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי פַארְלוֹירְן, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט: **"פַארְוָואס בִּיסְטוּ פַארְלוֹירְן? זֵיי זֶענֶען דָאךְ קְלֵיינֶע קִינְדֶער, וֶועגְן דֶעם דַארְף מֶען רֶעדְן, אוּן דֶערְפַאר דַארְף מֶען דִיךְ הָאבְּן"**.

הָאסְט שׁוֹין בַּאקוּמֶען אַבִּיסְל חִיזּוּק פוּנֶעם בּוֹים?!

### הָרַב ר' יוֹאֵל:

אַבִּיסְל, אַבִּיסְל, בָּרוּךְ הַשֵּׁם דָאס גֶעבְּט כֹּחַ אָנְצוּגֵיין.

### רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א:

בַּיי אוּנְז אִיז אַ הַאלְבּ מִילְיָאן דָאלֶער גָארְנִישְׁט, וָואס אִיז גֶעלְט?! שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים! אָבֶּער קוּק וִוי אַ מֶענְטְשׁ מוּטְשֶׁעט זִיךְ, עֶר לֵייגְט אַוֶועק גֶעלְט, עֶר בָּארְגְט זִיךְ צַאם גֶעלְט, אוּן עֶר קְרַאצְט זִיךְ צַאם גֶעלְט, פְּלוּצְלִינְג רֶעדְט אִים אֵיינֶער אַיין אַ לִיגְנְט, עֶר וַוייזְט אִים פַאלְשֶׁע פַּאפִּירְן מִיט דָאקוּמֶענְטְן כְּאִילוּ עֶר הָאט אַ בִּיזְנֶעס, בֶּאֱמֶת אִיז עֶס לֹא דוּבִים וְלֹא יַעַר, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעשְׁטוֹיגְן אוּן נִישְׁט גֶעפְלוֹיגְן, נִישְׁטָא קַיין בִּיזְנֶעס, נָאר פָּשׁוּט אַ גַנָב...

### הָרַב ר' יוֹאֵל:

בְּרוּחָנִיּוּת אִיז דָאךְ אוֹיךְ דָא גֶעמְבְּלִינְגְס, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ בַּאהִיטְן בְּרוּחָנִיּוּת פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס ווילְן פַארְנַארְן?

### רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א:

בְּרוּחָנִיּוּת אִיז דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ; מֶען דַארְף זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְן בְּרוּחָנִיּוּת מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן פַארְנַארְט, מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הוֹרֵנִי ה' דַּרְכֶּךָ אֲהַלֵּךְ בַּאֲמִתֶּךָ יַחֵד לְבָבִי לְיִרְאָה שְׁמֶךָ"** (תְּהִלִּים פו, יא). דָאס זָאל מֶען בֶּעטְן אַ גַאנְצְן טָאג: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל אֱמֶת, פִיר מִיךְ אוֹיף דִי אֱמֶת'ע וֶועג, וֶוער זָאגְט אַז אִיךְ בִּין בַּיי דִי אֱמֶת, יֶעדֶער זָאגְט זָאגְט דָאךְ אַז עֶר אִיז בַּיי דִי אֱמֶת, אִיךְ בֶּעט דִיר בַּאשֶׁעפֶּער אִיךְ זָאל נִישְׁט וֶוערְן פַארְפִירְט"**.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע זַאךְ, וִוי אַזוֹי קֶען זַיין דָאס וָואס דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת כט.) אַז אֵיינֶער וָואס אִיז גֶעוֶוען אַכְצִיג יָאר כֹּהֵן גָּדוֹל אִיז צוּם סוֹף גֶעוָוארְן אַ צְדוֹקִי? וִוי אַזוֹי קֶען פַּאסִירְן אַזַא זַאךְ?! זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ, דָאס וָוארְט 'צְדוֹקִי' אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן צוֹדֵק - גֶערֶעכְט, אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ גֵייט שׁוֹין אַרַיין אִינֶעם קוֹדֶשׁ הַקֳדָשִׁים אַכְצִיג יָאר, מֵיינְט נָאכְנִישְׁט אַז דוּ הָאסְט דֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְפְסְט נָאכְאַלְ'ץ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם פִיר מִיךְ אוֹיפְ'ן אֱמֶתְ'ן וֶועג"**.

מִיר אִיז זֵייעֶר גֶעפָאלְן דֶעם וָוארְט, וֶוער זָאגְט אַז אִיךְ הָאבּ דִי וֶועג, יֶעדֶער שְׁרֵייט 'אִיךְ הָאבּ דִי וֶועג', יֶעדֶער שְׁרֵייט 'אִיךְ הָאבּ דֶעם אֱמֶת', דֶערְפַאר דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ בֶּעט דִיךְ, הֶעלְף אַז אִיךְ מִיט מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט פַארְפִירְט וֶוערְן"**, פַארְשְׁטֵייסְט? דָאס אִיז אוֹיךְ אַ גֶעמְבְּל פוּן וָואס מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְן, שְׁטֶענְדִיג בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן פַארְפִירְט.

דוּ הָאסְט מִן הַסְתָּם שׁוֹין זִיכֶער גֶעהֶערְט דֶעם וָוארְט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, דוּ בִּיזְט דָאךְ מְקוּרָב גֶעוָוארְן פַאר מִיר, נָאךְ אַלְס בָּחוּר.

### הָרַב ר' יוֹאֵל:

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וֶוער עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען פְרִיעֶר... וַוייל דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קוּמְט אָן אַסַאךְ וַוייטֶער פוּן מִיר אֲפִילוּ אִיךְ בִּין אָנְקוּמֶען אַלְס בָּחוּר, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט אַ מָאטֶער מַאֲשִׁין וָואס גֵייט מִיט אַ גְרֶעסֶערֶע שְׁנֶעלְקֵייט...

### רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א:

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן ר' יִצְחָק רָאזֶענְבֶּערְג [עָלָיו הַשָּׁלוֹם] (דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶר זָאל הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה, עֶר דַארְף הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶע רְפוּאָה, מִיר הָאבְּן מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען פַאר אִים בַּיי יֶעדֶע צִיּוּן, בַּיים הֵיילִיגְן ר' יְשַׁעְיָ'לֶע קֶערֶעסְטִירֶער, בַּיים הֵיילִיגְן יִשְׂמַח מֹשֶׁה, בַּיים הֵיילִיגְן קַאלִיבֶער, בַּיים קְדוּשַּׁת יוֹם טוֹב אוּן יֵיטַב לֵב), **הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירְן מִיט מוֹהֲרָא"שׁ נָאךְ דִי הַארְץ אַטַאקֶע, הָאט אִים מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט אוֹיף מִיר: "אֶל הַנַּעַר הַזֶּה הִתְפַּלָּלְתִּי, עֶר אִיז אַן אוֹיסְגֶעבֶּעטְן קִינְד"**, דָאס הָאט מִיר דֶעמָאלְט זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען, וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט חֲבֵרִים אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ וָואס הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט: **"נֶע, מוֹהֲרָא"שׁ דַארְף דִיךְ נִישְׁט"**, **"מוֹהֲרָא"שׁ דַארְף דִיךְ נִישְׁט"**... אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ קֶען אִיבֶּער גֶעבְּן וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער.

### הָרַב ר' יוֹאֵל:

דָאס מֵיינְט אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז אַן אוֹיסְגֶעבֶּעטְן קִינְד פוּן מוֹהֲרָא"שׁ!

### רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א:

אָבֶּער אִיךְ בֶּעט יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן.

יֶעדֶעס מָאל אֵיינֶער קוּמְט צוּ מִיר מִיט קֻשְׁיוֹת אוּן שְׁאֵלוֹת, וִוי: **"וָואס אִיז דִי זַאךְ פוּן זָאגְן?!" "וָואס אִיז מִיט דִיר? בִּיסְט דָאךְ אַ גֶעלוּנְגֶענֶער אִינְגֶערְמַאן נֶעם דִי בָּחוּרִים אוּן טְרַאסְקֶע אִין זֵיי אַרַיין גְמָרָא תּוֹסְפוֹת!"** גֵיי אִיךְ אִין דִי זַייט אוּן אִיךְ זָאג: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט מִיר אַז אִיךְ נַאר זִיךְ, אִיךְ ווִיל זִיךְ נִישְׁט נַארְן"**, אָבֶּער נָאכְדֶעם טוּ אִיךְ וַוייטֶער וִוי עֶס קוּמְט מִיר אוֹיס, אַזוֹי וִוי דִי הֲלָכָה אִיז (בָּבָא בַּתְרָא קלא.) **"אֵין לַדַּיָּן אֶלָּא מַה שֶׁעֵינָיו רוֹאוֹת"**.

אַלֶע יָארְן פוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפְנְט דִי יְשִׁיבָה בֶּעט אִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אוֹיבּ אִיךְ נַאר זִיךְ מַאךְ צוּ דִי יְשִׁיבָה, אִיךְ וֶועל עֶס נִישְׁט צוּמַאכְן, אִיךְ גֵיי וַוייטֶער טוּן וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט, אוֹיבּ אִיז עֶס פַארְקֶערְט פוּנֶעם אֱמֶת ווִיל אִיךְ עֶס דֶען?! הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט נַארְן, אִיךְ זָאל ווִיסְן וָואס דֶער אֱמֶת אִיז"**.

אָבֶּער דוּ זָאלְסְט ווִיסְן, דוּ זִיצְט מִיט דִי קִינְדֶער אוּן דוּ טְרַאכְסְט נָאךְ אַ טָאג אַרְבֶּעט: **'וָואס הָאבּ אִיךְ פוּן זִיצְן מִיט קִינְדֶער? אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ דֶערְצוּ'**, נָאכְדֶערְצוּ אַז נָאכְדֶעם דַארְפְסְטוּ אַלֵיינְס רוֹימֶען דֶעם פְּלַאץ, אוּן נָאכְדֶעם רוּפְט דִיר אַ טַאטֶע זָאגְן אַז אַ קִינְד הָאט גֶעבִּיסְן, אַ קִינְד הָאט זִיךְ גֶעשְׁפִּילְט נִישְׁט אֵיידְל, אָדֶער מִיט טַעֲנוֹת אַז "מֶען לֶערְנְט גָארְנִישְׁט", זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז דָאס בְּלַייבְּט, אַ **'הַאלְבּ מִילְיָאן דָאלֶער'** הָאט מֶען צוּגֶענוּמֶען פוּן אִים, **'זִיבְּן הוּנְדֶערְט אוּן פוּפְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער'** פוּן יֶענֶעם, אוּן דְרֵיי יָאר צוּרִיק הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַ אִינְגֶערְמַאן פוּן דִי קְהִלָּה אַז עֶר הָאט אִינְוֶועסְטִירְט בַּיי אַן אַנְדֶערֶער גַנָב אוּן עֶר הָאט אִים אַוֶועק גֶעכַאפְּט **'זִיבֶּעצִיג טוֹיזֶענְט דָאלֶער'**, אוּן דוּ בְּלַייבְּסְט מִיט דַיינֶע זְכוּתִים!

### הָרַב ר' יוֹאֵל:

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט עֶרְוֶועהְנְט בַּיי דִי שִׁיעוּרִים פַאר מְלַמְּדִים אַז מֶען טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן קִינְדֶער; עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס שְׁלָאגְן נִישְׁט מִיט דִי הַאנְט נָאר מִיט דִי מוֹיל... אִיז דָאס עֶרְגֶער אָדֶער גְרִינְגֶער?

# אַ שְׁמוּעֶס מִיטְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א



## רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א:

עֶס אִיז גֶעפֶערְלִיךְ גֶעפֶערְלִיךְ! וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, מֶען מוּז זָאגְן פַאר קִינְדֶער: **"דוּ קֶענְסְט יָא!" "דוּ בִּיזְט יָא!"**

אַז אַ קִינְד אִיז נִישְׁט ווָאוִיל, עֶר אִיז נִישְׁט דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג, אוּן מֶען דַארְף אִים גֶעבְּן אַ קְנַס, מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז עֶר אִיז שְׁלֶעכְט, עֶר דַארְף וַוייטֶער שְׁפִּירְן אַז זַיין רֶבִּי הָאט אִים לִיבּ.

## הָרַב ר' יוֹאֵל:

מִיר אַלֶע תַּלְמִידִים הָאבְּן אַזַא שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אִיז דָא עֶפֶּעס אַ מֶעטָאד וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען אִיבֶּער גֶעבְּן פַאר דִי מְלַמְּדִים ווִי אַזוֹי דִי תַּלְמִידִים זָאלְן לִיבּ הָאבְּן דִי מְלַמְּדִים?

## רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א:

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת אַהֲבָה, סִימָן ז): **"כְּשֶׁתְּחַזֵּק אֶת הָאָדָם בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, הוּא יֹאהַב אוֹתְךָ"**, וֶוען דוּ וֶועסְט מְחַזֵּק זַיין אַ מֶענְטְשׁ אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, וֶועט עֶר דִיךְ לִיבּ הָאבְּן, דָאס אִיז דִי גַאנְצֶע סוֹד, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין אַנְדֶערֶע סוֹד, אַז דוּ זָאגְסְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ: **"קוּם דַאוֶוענֶען, קוּם לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף דִיךְ"**, וֶועט עֶר דִיךְ לִיבּ הָאבְּן.

אִינְמִיטְן דִי נְסִיעָה אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַ בָּחוּר, עֶר זָאגְט מִיר: **"אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְדִיגְט דִי פוּפְצֶנְטֶע מָאל מִשְׁנַיוֹת"**, אִיךְ הָאבּ מַמָּשׁ אָנְגֶעהוֹיבְּן וַויינֶען, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּ זִיךְ קוּמֶען, אִיךְ וַוייס נִישְׁט אוֹיבּ דֶער בָּחוּר ווִיל אִיךְ זָאל רֶעדְן פוּן אִים, אָבֶּער אַבִּיסְל וֶועל אִיךְ דִיר זָאגְן, עֶר הָאט טוֹיזְנְט תֵּירוּצִים פַארְוָואס נִישְׁט צוּ לֶערְנֶען, זַיין טַאטֶע מַאמֶע הָאבְּן זִיךְ צֶעטֵיילְט, עֶר ווַאלְגֶערְט זִיךְ, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קִישְׁן וואוּ אַרָאפְּצוּלֵייגְן זַיין קָאפּ, אוּן עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי פוּפְצֶנְטֶע מָאל מִשְׁנַיוֹת! עֶר אִיז אַ פְרֵיילִיכֶער בָּחוּר הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן טַאנְצְן אוֹיפְ'ן פְלִיגֶער דֶעם נִיגוּן: **"וּמַנִּיחַ בִּקְדֻשָּׁה..."** עֶס אִיז דָא אַ נֵייעֶ זַאךְ צְווִישְׁן דִי זִינְגֶערְס - אִיךְ וֵוייס נִישְׁט צִי דוּ וֵוייסְט פוּן דֶעם - וֶוער עֶס קֶען נָאכְמַאכְן אַ צְוֵוייטֶער זִינְגֶער אוּן טַאנְצְן אַזוֹי ווִי אִים וֶוערְט אַ גַאנְצֶע קְנַאקֶער, דֶער בָּחוּר הָאט עֶס אוֹיךְ נָאכְגֶעמַאכְט, אוּן אִינְגֶעלַייט קוּקְן אוֹיף אִים: 'הָאסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן? דוּ טַאנְצְט אוֹיפְ'ן פְלִיגֶער?!' אָבֶּער עֶר לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת!

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען בַּיי דִי נְסִיעָה בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט, יֶעדֶער אֵיינֶער זִיצְט מִיט זַיין מִשְׁנַיוֹת, מֶען פָארְט פוּן אֵיין צִיוּן צוּם צְוֵוייטְן פִינְף זֶעקְס שָׁעָה, מֶען אִיז אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט אוּן מֶען אִיז גוֹרֵס פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת.

אַ צְוֵוייטֶער בָּחוּר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר זָאגְן, עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי אַכְט אוּן דְרַייסִיגְסְטֶע מָאל מִשְׁנַיוֹת! עֶס אִיז נִישְׁט פָּשׁוּט, דָאס קֶען מֶען נִישְׁט אַוֶועקְנֶעמֶען, פַארְשְׁטֵייסְט? אַז מֶען אִיז מְזַכֶּה אַ צְוֵוייטְן אִיד מִיט לִימּוּד הַתּוֹרָה דָאס בְּלַייבְּט.

אַ אִינְגֶערְמַאן דֶערְצֵיילְט מִיר אִינְמִיטְן דִי נְסִיעָה אַז עֶר הָאט אַמָאל גֶעדַארְפְט שִׁיקְן **'הוּנְדֶערְט אוּן דְרַייסִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער'** קֶעשׁ פוּן קִרְיַת יוֹאֵל קַיין בָּארָא פַּארְק, הָאט עֶר גֶענוּמֶען אַ שָׁלִיחַ וָואס זָאל עֶס אִיבֶּער גֶעבְּן, דֶער שָׁלִיחַ זָאגְט אֵיינֶער הָאט אָפְּגֶעוַוארְט אִינְדְרוֹיסְן אוּן אִיךְ הָאבּ אִים עֶס גֶעגֶעבְּן, אוּן יֶענֶער טַעֲנָה'ט אִיךְ הָאבּ עֶס קֵיינְמָאל נִישְׁט בַּאקוּמֶען, אוּן שׁוֹין... מֶען קֶען גָארְנִישְׁט טוּן, קוּמְט אוֹיס, דֶער פַארְלִירְט אַ **'הַאלְבּ מִילְיָאן דָאלֶער'**, דֶער פַארְלִירְט **'זִיבְּן הוּנְדֶערְט אוּן פוּפְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער'**, דֶער פַארְלִירְט **'הוּנְדֶערְט אוּן דְרַייסִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער'**, אוּן דֶער פַארְלִירְט **'זִיבֶּעצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער'** אוּן דוּ זִיצְט מִיט דִי קִינְדֶער, דִיךְ קֶען מֶען נִישְׁט בַּ'גַנְבֶ'עֶנֶען!

## הָרַב ר' יוֹאֵל:

אוֹיבּ אִיךְ מֶעג פְרֶעגְן; בַּיים צִיוּן פוּנֶעם הֵיילִיגְן יִשְׂמַח מֹשֶׁה הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען: **"ווִי נֶעמְט מֶען אַזַא הַארְץ ווִי דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה"**, אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶס מִיטְטֵיילְן מִיט אוּנְז?!

## רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א:

דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַארֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט נָאכְזָאגְן בַּיי דִי דְרָשׁוֹת 'כָּל נִדְרֵי' אוּן 'הוֹשַׁעְנָא רַבָּא' וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַלְס אִינְגֶערְמַאן וֶוען עֶר הָאט נָאךְ גֶעווָאוינְט אִין שְׁטָאט סַאטְמֶער פוּן אַן אַלְטְן אִיד ר' אַבְרָהָם לֶעווִי [פִּילְפִּישֶׁער] זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וָואס הָאט אַלֵיינְס גֶעהֶערְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן יִשְׂמַח מֹשֶׁה אֵיינְמָאל הוֹשַׁעְנָא רַבָּא וֶוען עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן בַּיים שְׁטִיקְל **"הוֹשַׁעְנָא לְמַעַנְךָ אֱלֹקֵינוּ"** ווִי עֶר הָאט גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גֶעזָאגְט: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, דָאס וָואס אִיךְ בֶּעט אַז מָשִׁיחַ זָאל קוּמֶען, בֶּעט אִיךְ נִישְׁט פַאר מִיר אוּן פַאר מַיין הֲנָאָה, אֲפִילוּ אִיךְ וֶועל נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען דָאס גוּטְס וָואס וֶועט זַיין וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, אֲפִילוּ דוּ וֶועסְט מִיךְ פַארְבְּרֶענֶען אוּן פַארְוַוארְפְן מַיין אַשׁ אִין אַלֶע וַואסֶערְן, בֶּעט אִיךְ דִיר נָאכְאַלְץ שִׁיק שׁוֹין מָשִׁיחַ, אַז אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן מֶער נִישְׁט הָאבְּן קַיין צָרוֹת אוּן עֶס זָאל שׁוֹין זַיין 'יִתְגַּדַּל וְיִתְקַדַּשׁ שְׁמֵהּ רַבָּא'"**.

וֶוען אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ פוּן דֶעם הֵייבּ אִיךְ אָן טְרַאכְטְן: **'רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם ווִי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דֶעם?'** ווִי נִישְׁט ווִי אַ מֶענְטְשׁ ווִיל דָאךְ עֶפֶּעס זָאל בְּלַייבְּן פַאר אִים, אוּן עֶר ווִיל גָארְנִישְׁט נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיים צִיוּן: **"ווִי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דֶעם? הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִּיק"**.

עֶנְלִיךְ צוּ דֶעם אִיז דָא אַ גְמָרָא אִין מַסֶּכֶת סוֹטָה (מ.); עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ הֵיילִיגֶער אֲמוֹרָא רֶבִּי אַבָּהוּ, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק אוּן אַ מְקוֹרָב לְמַלְכוּת, דִי אֲמוֹרָאִים הָאבְּן דָאךְ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין מֵייק בַּיים פַּארְלֶערְנֶען, פְלֶעגְן זֵיי הָאבְּן אַ 'מְתֻרְגְּמָן' וָואס הָאט אִיבֶּער גֶעזָאגְט הוֹיךְ פַאר אַלֶע תַּלְמִידִים וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, דֶער מְתֻרְגְּמָן פוּן רֶבִּי אַבָּהוּ הָאט גֶעהֵייסְן 'אַבָּהוּ', דֶערְצֵיילְט דִי גְמָרָא, אַז אֵיין מָאל הָאט דִי וַוייבּ פוּן 'אַבָּהוּ' גֶעזָאגְט פַאר דִי וַוייבּ פוּן 'רֶבִּי אַבָּהוּ': **"דוּ מֵיינְסְט אַז דָאס וָואס מַיין מַאן בֵּייגְט צוּ זַיין אוֹיעֶר צוּ הֶערְן וָואס דַיין מַאן זָאגְט אִיז וֶוייל עֶר דַארְף צוּקוּמֶען צוּ אִים צוּ הֶערְן הֲלָכוֹת פוּן זַיין מוֹיל, בֶּאֱמֶת וֵוייסְט עֶר אַלֵיינְס וָואס צוּ זָאגְן, עֶר הָאט אַלֵיינְס וָואס צוּ פַארְקוֹיפְן, עֶר טוּט עֶס נָאר צוּלִיבּ 'כְּבוֹד מַלְכוּת'"**.

דוּ וֵוייסְט דָאךְ ווִי אַזוֹי עֶס גֵייט, מֶען קֶען מַאכְן אִין אֵיין מִינוּט אַ מַחְלֹקֶת. מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט אִין אֲשֶׁר בְּנַחַל, אַז דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי חַיִּים וִויטַאל: **"דִי שַׁבָּת וָואלְט שׁוֹין גֶעדַארְפְט זַיין דִי גְאוּלָה, נָאר עֶס הַאלְט זִיךְ אָפּ וַוייל עֶס הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ פֵייעֶר פוּן מַחֲלוֹקֶת צְווִישְׁן דִי פְרוֹיעֶן"**.

בַּיי דִי פְרוֹיעֶן קֶען וֶוערְן אַ קַטְנוּת'דִיגֶע מַחְלוֹקֶת, "מַיין מַאן", "דַיין מַאן"... רֶבִּי אַבָּהוּ הֶערְט וָואס זַיין וַוייבּ זָאגְט אִים אַז **"דֶער מְתֻרְגְּמָן דַארְף דִיךְ נִישְׁט הָאבְּן, עֶר קֶען זִיךְ אַלֵיינְס אַן עֵצָה גֶעבְּן"**, הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"וּמַאי נָפְקָא לִיךְ מִינַּהּ? מִינַּי וּמִינֵּיהּ יִתְקַלַּס עִילָּאָה!"** וָואס אִיז מִיר אַ חִילּוּק צִי עֶר דַארְף מִיךְ יָא הָאבְּן אָדֶער עֶר דַארְף מִיךְ נִישְׁט הָאבְּן, דֶער עִיקָּר אִיז אַז צְווִישְׁן אוּנְז צְוֵויי וֶוערְט גֶעגְרוֹיסְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס נָאמֶען!

אַז מֶען הֶערְט אַזַא זַאךְ, עֶפְנְט עֶס אוֹיף דִי הַארְץ, אַ מֶענְטְשׁ ווִיל גָארְנִישְׁט, עֶר ווִיל נָאר כְּבוֹד שָׁמַיִם, אַז 'יִתְגַּדַּל וְיִתְקַדַּשׁ שְׁמֵהּ רַבָּא', עֶס אִיז דָאךְ נִישְׁט פָּשׁוּט! עֶס אִיז מַמָּשׁ דִי זֶעלְבֶּע וֶוערְטֶער פוּנֶעם הֵיילִיגְן יִשְׂמַח מֹשֶׁה, קֶענְסְט מִיךְ נֶעמֶען, קֶענְסְט מִיךְ פַארְבְּרֶענֶען, קֶענְסְט מִיךְ אַוֶועקְוַוארְפְן אִין אַלֶע יַם'עֶן, אִיךְ ווִיל אַז מָשִׁיחַ זָאל קוּמֶען כְּדֵי פַאר דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאל זַיין גוּט; דָאס הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעבֶּעטְן בַּיים יִשְׂמַח מֹשֶׁה'ס צִיוּן.

## הָרַב ר' יוֹאֵל:

אִיךְ גֶעדֶענְק אֵיינְמָאל הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה דֶערְמַאנְט וָואס מֶען זֶעט בַּיי אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, אַז עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעהַאט אַזַא הַארְץ וָואס הָאט אוֹיךְ בִּכְלַל נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף זִיךְ.

## רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א:

יָא; וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין אוֹיסְלֵייזְן דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: **"אִיךְ הָאבּ אַן עֶלְטֶערֶער בְּרוּדֶער, אִיךְ ווִיל אִים נִישְׁט וֵויי טוּן"**, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים גֶעזָאגְט (שְׁמוֹת ד, יד): **"וְרָאֲךָ וְשָׂמַח בְּלִבּוֹ"**, וֶוען אַהֲרֹן וֶועט זֶען אַז דוּ לֵייזְט אוֹיס דִי אִידְן וֶועט עֶר זַיין פְרֵיילִיךְ אִין הַארְץ, אַהֲרֹן ווִיל אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, עֶר ווִיל פָּשׁוּט עֶס זָאל זַיין 'יִתְגַּדַּל וְיִתְקַדַּשׁ שְׁמֵהּ רַבָּא', זָאגְט רַשִׁ"י (שָׁם): **"דֶערְפַאר הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען אִינֶעם חֹשֶׁן, וַוייל אוֹיף אַזַא רֵיינֶעם הַארְץ קוּמְט דִי הֵיילִיגֶע חֹשֶׁן"**.

המשך

# אַ שְׁמוּעֶס מִיטְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב תשפ"ב

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר הָאבְּן עֶס אוֹיךְ בַּיים רֶבִּי'ן, ווען מֶען לֶערְנְט און מֶען הֶערְט דִי אַלֶע זַאכְן, קֶען מֶען מַאכְן 'הִתְבּוֹדְדוּת', בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם.

בִּכְלָל הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ מוֹרָא'דִיגֶע גֶעפִיל אִין אוּהֶעל, וַוייל אַ צַדִיק וָואס מֶען לֶעבְּט מִיט אִים – הָאט מֶען אַ גֶעפִיל, אִיךְ בִּין דָאךְ אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אַלְס קִינְד מִיט אוּהֶעל, מַיין בַּאבֶּע (מַיין מַאמֶע'ס מַאמֶע) קוּמְט פוּן אוּהֶעל, מֶען הָאט אַלְץ גֶערֶעדְט פוּן אוּהֶעל אוּהֶעל, דֶערְפַאר אֲפִילוּ אִיךְ בִּין דָארְט אָנְגֶעקוּמֶען נָאךְ צְוֵויי טֶעג נִישְׁט שְׁלָאפְן, בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דָארְט אַ נֵס; צוּפְרִי בִּין אִיךְ גֶעוֶועְן אִין מִקְוֶה, אָבֶער אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ דָארְט גֶעזֶעְן אַן אָפֶענֶע מִקְוֶה הָאט מִיר אָנְגֶעכַאפְּט אַ חֵשֶׁק זִיךְ צוּ טוֹבְל'עֶן, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט 'אִיךְ טַאנְץ אַרַיין, אִיךְ פְרֶעג נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת', אִיךְ בִּין אַרַיין גֶעלָאפְן אִין מִקְוֶה און עֶס אִיז גֶעוֶוען קָאכֶעדִיג הֵייס, סַכָּנַת נְפָשׁוֹת, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָפְּגֶעבְּרִיט מַיינֶע פִיס, מַיינֶע פִיס הָאבְּן מִיר וֵויי גֶעטוֹן פַאר צְוֵויי טֶעג, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ בִּין אַרוֹיס מִיט אַ נֵס.

אִיךְ הָאבּ דָאס שׁוֹין אֵיינְמָאל גֶעהַאט בַּיי אַ שַׁבַּת הִתְוַעֲדוּת, עֶס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ הֵייסֶע גְרוּבּ וואוּ מֶען קֶען נִישְׁט אַרַיין גֵיין, אִיךְ בִּין אַרַיין און מַיינֶע פִיס זֶענֶען גֶעוָוארְן פַארְבְּרֶענְט.

אִיךְ מֵיין זָאלְסְט טְרֶעפְן נָאךְ אִינְגֶעלַייט וָואס זֶענֶען מִיטְגֶעקוּמֶען מִיט דִי נְסִיעָה, פְרֶעג זֵיי אוֹיס, וֶועלְן זֵיי דִיר קֶענֶען אִיבֶּער גֶעבְּן נָאךְ שֵׁיינֶע זַאכְן.

**הָרַב ר' יוֹאֵל:**

דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה אִיז גֶעוֶוען אַ חַבֵר מִיטְ'ן הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפֵר?

**רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א:**

דִי אַלֶע זַאכְן ווֶעסְטוּ שׁוֹין הֶערְן פוּן דִי אַנְדֶערֶע אִינְגֶעלַייט.

אִיךְ מוּז שׁוֹין לוֹיפְן; אִיךְ קוּם פוּן דִי חֲתוּנָה וָואס קוּמְט פָאר אִין יְשִׁיבָה, אִיךְ מוּז לוֹיפְן גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר, אִיךְ מוּז צוּרִיק לוֹיפְן צוּ דִי חֲתוּנָה און מַיין שְׁוָואגֶער מַאכְט הַיינְט אַ תְּנָאִים.

אַז דוּ פְרֶעגְסְט מִיר 'וִוי אַזוֹי אִיךְ הָאבּ כֹּחַ צוּ לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער', הָאבּ אִיךְ דִיר גֶעזָאגְט: יֶעדֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ, אָבֶער פוּן אוּנְז וֶועט עֶפֶּעס בְּלַייבְּן, פַארְשְׁטֵייסְט? אַז מֶען טוּט עֶפֶּעס פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער בְּלַייבְּט עֶס!

**הָרַב ר' יוֹאֵל:**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ, מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין וֶוערְטֶער צוּ דַאנְקֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַאר אוּנְזֶער לֶעבְּן, פַאר אוּנְזֶער חִיוּת.

**רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א:**

טוּ עֶפֶּעס וֶועגְן דִי שִׁידוּךְ וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט; דָאס אִיז פַאר מִיר דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ, אַז אִיךְ קֶען אָנְטְרָאגְן אַ שִׁידוּךְ, רוּף אִים און פְרֶעג צִי מֶען קֶען אִים אָנְטְרָאגְן אַ שִׁידוּךְ, אוֹיבּ יָא – וֶועל אִיךְ אִים רוּפְן, וַוייל בַּיי מִיר אִיז מַאכְן שִׁידוּכִים נָאךְ מֶער וִוי אַלֶעס.

**הָרַב ר' יוֹאֵל:**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א:**

זַיי גֶעזוּנְט. ■

# שִׁיעוּר לֵיל שִׁישִׁי

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

**מִיר בְּרֶענְגֶען אַייךְ דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם שִׁיעוּר לֵיל שִׁישִׁי פוּן פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז אַרַיין אִין אַ שְׁמוּעֶס פוּן דִי שֶׁעדְלִיכְקֵייט פוּן הָאבְּן אַ סְמַארְטְפָאוֹן מִיט זִיךְ און דָאס אַהֵיים בְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּבּ, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁמוּעֶסְט דֶערְבֵּיי אוֹיס וִוִיכְטִיגֶע עִנְיָנִים בְּנוֹגֵעַ חִינוּךְ.**

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁרַייבְּט אִינֶעם מִכְתָּב יוֹמִי (פוּן עֶרֶב שַׁבָּת בַּמִּדְבָּר): "אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט וִוי אִיךְ צוּפְלַאץ זִיךְ אִין אַ גֶעוֵויין, אִיךְ הָאבּ גֶעמוּזְט אוֹיפְהֶערְן רֶעדְן, דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל אִיךְ הָאבּ אַזוֹינְס", אוֹיךְ הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא רַחֲמָנוּת'דִיגֶע שִׁיעוּר".**

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן: גֶעלוֹיבְּט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אַז מֶען קוּמְט זִיךְ צוּזַאם נָאכְאַמָאל רֶעדְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

הַיינְט אִיז אַ גְרוֹיסֶע טָאג 'עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן', דֶער הֵיילִיגֶער שְׁלָ"ה הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַ תְּפִילָה מִיט רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, עֶס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע תְּפִילָה, עֶס אִיז גוּט צוּ זָאגְן אַ גַאנְץ יָאר און בִּפְרַט עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, אַזוֹי וִוי עֶר שְׁרַייבְּט: "לִבִּי אוֹמֵר, שֶׁעֵת רָצוֹן לַתְּפִלָּה זוּ בְּעֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, הוּא הַחוֹדֶשׁ שֶׁבּוֹ נִתְּנָה הַתּוֹרָה, וְאָז נִקְרָאִים בָּנִים לַה' אֱלֹקֵינוּ", מַיין הַארְץ זָאגְט מִיר אַז דִי הַיינְטִיגֶע טָאג אִיז אַ גוּטֶע צַייט צוּ בֶּעטְן פַאר דִי הַצְלָחָה פוּן דִי קִינְדֶער, אִין דִי צַייט ווען מֶען גְרֵייט זִיךְ צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה.

עֶס אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען אַ אִיד צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִים און גֶעבֶּעטְן: "רֶבִּי גֶעבְּט מִיר אַ בְּרָכָה פַאר גוּטֶע קִינְדֶער", זָאגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִים: "אַ בְּרָכָה פַאר גוּטֶע קִינְדֶער? מִיט אַ בְּרָכָה ווילְסְטוּ הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער?! צוּ הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער דַארְף מֶען נֶעמֶען דֶעם תְּהִלִים און בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן", עֶר וַוייזְט אִים אַ גוּטֶע אוֹיסְגֶענוּצְטֶע תְּהִלִים פוּן זַיין מַאמֶע, אִין וָואס זִי הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג פַאר גוּטֶע קִינְדֶער.

מֶען דַארְף יֶעדְן טָאג בֶּעטְן פַאר קִינְדֶער, און נִישְׁט נָאר פַאר דִי קִינְדֶער וָואס מֶען זֶעט אַז מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אַן עֵצָה גֶעבְּן, נָאר פַאר אַלֶע קִינְדֶער, גֶעוֶוענְלִיךְ ווען עֶלְטֶערְן זֶעעֶן אַ קִינְד וָואס אִיז נִישְׁט מַצְלִיחַ וֶוערְט מֶען דֶערְשְׁרָאקְן, און מֶען הֵייבְּט אָן צוּ בֶּעטְן פַאר דֶעם קִינְד, מֶען דַארְף אָבֶער בֶּעטְן פַאר אַלֶע קִינְדֶער, מֶען קֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט ווִיסְן וָואס קֶען זַיין, אַסַאךְ מָאל זֶעט אוֹיס אַ קִינְד אִיז מַצְלִיחַ, עֶר אִיז מַצְלִיחַ אִין כִּתָּה א', אִין כִּתָּה ב', דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אוֹיךְ צוּ בֶּעטְן פַאר אִים.

דִי אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן ווען זֵיי צִינְדְן דִי לִיכְט עֶרֶב שַׁבָּת דַארְפְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי קִינְדֶער און דֶער מַאן דַארְף אוֹיךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען דַארְף אוֹיךְ אַרַיין לֵייגְן אַן עֲבוֹדָה, 'עֲבוֹדַת הַחִינוּךְ'; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען, וִוי גְרוֹיס דִי עֲבוֹדַת הַשֵּׁם פוּן תִּיקוּן חֲצוֹת אִיז - קוּמְט דָאס אָבֶער נִישְׁט צוּ דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה פוּן חִינוּךְ, פוּן אָפְּוַוארְטְן דִי קִינְדֶער, מַאכְן בְּרָכוֹת און לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע מִיט דִי קִינְדֶער, און רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער: "דוּ בִּיסְט אַ אִידִישׁ קִינְד", "קוּשׁ דִי מְזוּזָה".

לֵיידֶער הָאבְּן מֶענְטְשְׁן נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה אִין דֶעם, מענשטן גְלֵייבְּן אִין אֵיין זַאךְ, גֶעלְט, גֶעלְט, גֶעלְט, גֶעלְט, גֶעלְט, ווּאוּ קֶען אִיךְ מַאכְן נָאךְ אַ דָאלֶער?... דוּ הָאסְט דָאךְ קִינְדֶערְ'לִיךְ! וָואס וֶועסְטוּ הָאבְּן פוּן גֶעלְט, אַז מֶען הָאט גֶעלְט אִיז מֶען נִישְׁט רַייךְ, אַז מֶען הָאט עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת אִיז מֶען רַייךְ! אַז עֶס אִיז דָא הַמְשָׁכַת הַדוֹרוֹת, דִי קִינְדֶער און אֵיינִיקְלֶעךְ גֵייעֶן

אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ מִיט טַלִּית וּתְפִילִּין – דָאס אִיז אַ רַייכְטוּם.

מֶענְטְשְׁן זֶענֶען פַארְנוּמֶען מִיט גֶעלְט, גֶעלְט, גֶעלְט, גֶעלְט, גֶעלְט, גֶעלְט, גֶעלְט, גֶעלְט, וואוּ קֶען מֶען מַאכְן נָאךְ גֶעלְט, וואוּ קֶען מֶען אַוֶועקְלֵייגְן נָאךְ גֶעלְט, נָאךְ אַ טוֹיזְנְטֶער, נָאךְ אַ צֶענֶער אוּן נָאךְ אַ הוּנְדֶערְטֶער, מֶען קֶען גָארְנִישְׁט טוּן מִיט גֶעלְט, עֶס אִיז אַ נַארִישְׁקֵייט נָאכְצוּלוֹיפְן גֶעלְט, גֶעלְט אִיז אַ דִמְיוֹן.

מֶ׳דַארְף רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן דֶעם, מֶען כַאפְּט זִיךְ נִישְׁט, אַלְץ רֶעדְט מֶען ׳וואוּ וֶועט מֶען הָאבְן גֶעלְט?׳ ׳וָואס וֶועט זַיין אוֹיבּ מֶען וֶועט אֵיין טָאג נִישְׁט הָאבְן קַיין גֶעלְט׳... וָואס וֶועסְטוּ הָאבְן פוּן גֶעלְט?! רֶעד מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, לֵיין קְרִיאַת שְׁמַע מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, שְׁפִּיל מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, וֶוען עֶס קוּמְט פְרַייטָאג נֶעם דַיינֶע קִינְדֶער אִין מִקְוֶה, גֵיי אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ מִיט זֵיי, לָאז אָפּ דִי חֲבֵרִים, הָאסְט שׁוֹין גֶענוּג גֶעהַאט מִיט דִי חֲבֵרִים!

אַלֶע הָאבְּן הַיינְט גֶעזָאגְט דִי תְּפִילָּה פוּן שְׁלָ״ה הַקָּדוֹשׁ, מֶען הָאט זִיךְ גוּט אוֹיסְגֶעבֶּעטְן, אָבֶּער מֶען דַארְף אוֹיךְ טוּן.

מֶען דַארְף נָאכְאַמָאל רֶעדְן פוּן דֶעם, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זֵייעֶר מְזַלְזֵל אִין דֶעם, בִּפְרַט הַיינְט, וֶוען מֶען מֵיינְט אַז מֶען מֶעג אַלֶעס טוּן צוּלִיבּ דָאס גֶעלְט, אִיךְ בֶּעט אַייךְ: **בְּרֶענְגְט נִישְׁט אַרַיין קַיין טֶעלֶעפָאוֹן אִין שְׁטוּבּ! גֶעבּ אַכְטוּנְג פַאר דַיינֶע דוֹרוֹת!**

טוּ עֶס פַאר דַיינֶע קִינְדֶער! – **״אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אַ פִילְטֶער!״** – דוּ הָאסְט אַ פִילְטֶער?! דוּ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶס טוּט זִיךְ מִיט דִיר, דוּ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס דַיינֶע קִינְדֶער זֶעעֶן אוֹיף ׳דַיין׳ טֶעלֶעפָאוֹן, – **״אָבֶּער אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין שְׁמוּץ״** – אִיךְ זָאג דִיר, גֶעבּ אַכְטוּנְג! נֶעם נִישְׁט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ דַיין טֶעלֶעפָאוֹן, דַיינֶע קִינְדֶער קֶענֶען עֶפֶענֶען דִי פִילְטֶער, דַיינֶע קִינְדֶער הָאבְּן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי זֵיי קֶענֶען אָנְקוּמֶען צוּ קוּקְן זַאכְן.

**בְּרֶענְג עֶס נִישְׁט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ, זַיי נִישְׁט קַיין אוֹיבֶּער חָכָם, גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער, גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיינֶע דוֹרוֹת!**

אַוַודַאי זָאלְסְטוּ זָאגְן דֶעם תְּפִילָּה פוּנֶעם שְׁלָ״ה הַקָּדוֹשׁ, אַוַודַאי זָאלְסְטוּ זָאגְן תְּהִלִּים אוּן אַוַודַאי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער דוּ מוּזְט הָאבְּן אַן אָפְּגֶעהִיטֶענֶע שְׁטוּבּ.

יֶעצְט לָאמִיר גֵיין וַוייטֶער, מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט נָאר צוּלִיבּ דִי קִינְדֶער; וָואס אִיז מִיט דִי וַוייבּ? וָואס אִיז מִיט דִי שָׁלוֹם בַּיִת?!!

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ אַ חָתָן: בָּחוּר׳ל, הֶער גוּט וָואס אִיךְ זָאג דִיר, אַז דוּ קְלֶעבְּסְט זִיךְ צוּ צוּ אַ טֶעלֶעפָאוֹן – גֵייסְטוּ זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען צוּקְלֶעבְּן צוּ דַיין וַוייבּ, וַוייל דַיין וַוייבּ גֵייט דִיר נִישְׁט קֶענֶען גֶעבְּן וָואס דִי טֶעלֶעפָאוֹן גֶעבְּט דִיר, דַיין וַוייבּ גֵייט דִיר נִישְׁט קֶענֶען זֶעטִיגְן וָואס דִי טֶעלֶעפָאוֹן זֶעטִיגְט דִיךְ, עֶס אִיז הִימְל אוּן עֶרְד.

אַז מֶען הָאט אַ טֶעלֶעפָאוֹן אִין שְׁטוּבּ וֶועסְט זִיךְ לֵייגְן שְׁלָאפְן אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין מִיטְ׳ן טֶעלֶעפָאוֹן.

מֶען רֶעדְט דָא נִישְׁט פוּן שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן, מֶען רֶעדְט דָא פוּן טֵייעֶרֶע טֵייעֶרֶע טֵייעֶרֶע אִינְגֶעלַייט, נָאר דִי בִּיזְנֶעס הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט, עֶס הָאט נָאר דָאס אוּן נָאר יֶענְץ, אוּן עֶר שְׁלָאפְט שׁוֹין מִיט דֶעם, עֶר שְׁטֵייט שׁוֹין אוֹיף מִיט דֶעם, עֶר עֶסְט שׁוֹין מִיט דֶעם אוּן עֶר זִיצְט שׁוֹין אִין בֵּית הַכִּסֵּא מִיט דֶעם רַחֲמָנָא לִצְלָן.

טוּ עֶס פַאר דַיינֶע קִינְדֶער, – **״אָבֶּער אִיךְ הָאבּ דָאךְ נָאכְנִישְׁט קַיין קִינְדֶער״** – טוּ עֶס פַאר דַיין וַוייבּ, פַאר דַיין שָׁלוֹם בַּיִת, עֶס וֶועט דִיר לִיכְטִיג וֶוערְן, עֶס וֶועט דִיר וֶוערְן גוּט, פְּרוּבִיר עֶס אוֹיס, לֵייג עֶס אַוֶועק אִין דִי זַייט, וָואס בִּיזְנֶעס? דוּ דַארְפְסְט עֶס נִישְׁט פַאר בִּיזְנֶעס, **דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין בִּיזְנֶעס דוּ הָאסְט בִּזְיוֹנוֹת!!!** לֵייג עֶס אִין דִי זַייט פַאר אַפָּאר מִינוּט.

אִין דִי עֶרְשְׁטֶע רֶגַע וֶועסְטוּ פִילְן עֶפֶּעס לֵיידִיג, ׳אִיךְ הָאבּ דָאךְ בִּיז יֶעצְט גֶעהַאט יֶעדֶע רֶגַע וָואס צוּ טוּן, יֶעדֶע רֶגַע הָאט מִיר אֵיינֶער גֶעשִׁיקְט, עֶס הָאט זִיךְ גֶעטוּן, עֶס אִיז גֶעפָארְן זַאכְן, עֶס הָאט גֶעבְּלִיטְשְׁקֶעט...׳

אִיךְ טְרֶעף אַ אִינְגֶערְמַאן, אַ טֵייעֶרֶער זַיידֶענֶער, וואוֹילֶער אִינְגֶערְמַאן, אִיךְ פְרֶעג אִים: **״וָואס אִיז דִי מַעֲשֶׂה מִיט דִיר? פַארְוָואס דַארְפְסְטוּ אַ טֶעלֶעפָאוֹן?!״** זָאגְט עֶר מִיר אַז עֶר גֶעדֶענְקְט שׁוֹין נִישְׁט... אַמָאל הָאט עֶר גֶעאַרְבֶּעט אִין אַ קָאנְסְטְרָאקְשְׁן, דָארְט הָאט עֶר עֶס גֶעמוּזְט הָאבְן, מֶען הָאט אִים שׁוֹין לַאנְג אַרוֹיס גֶעוָוארְפְן פוּן דָארְט אָבֶּער מִיט דִי טֶעלֶעפָאוֹן אִיז עֶר גֶעבְּלִיבְן...

דוּ דַארְפְסְט עֶס נִישְׁט הָאבְן! עֶס וֶועט דִיר שְׁטֶערְן!

עֶס קוּמֶען צוּ מִיר קָאפְּלְס, עֶס צֶעפַאלְט שְׁטִיבֶּער, עֶס צֶעפַאלְט שָׁלוֹם בַּיִת, מֶען בְּלַייבְּט לֶעבְּן צוּזַאמֶען, וַוייל מֶען קֶען דָאךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן אַ שְׁטוּבּ, מֶען הָאט דָאךְ קִינְדֶער, אָבֶּער מֶען עֶסְט זִיךְ אוֹיף, מֶען וֵויינְט אָפּ דִי יָארְן.

דָאס בִּיסְל וָואס דוּ בִּיסְט אִינְדֶערְהֵיים לֵייג עֶס אִין דִי זַייט, זַיי אִינְדֶערְהֵיים מִיט דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אַז דוּ הָאסְט נָאךְ אַבִּיסְל אִיבְּרִיג צַייט נֶעם אַ מִשְׁנָיוֹת, נֶעם אַ גְמָרָא, נֶעם אַ חוּמָשׁ.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט, עֶר הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן פוּן טִיפֶענִישׁ פוּן הַארְץ מִיט רַחְמָנוּת: לָאמִיר שׁוֹין לֵייגְן דִי קִינְדֶער אִין דִי זַייט, לָאמִיר שׁוֹין לֵייגְן דִי וַוייבּ אִין דִי זַייט, אָבֶּער פַאר דִיךְ אַלֵיינְס, פַאר דַיין נְשָׁמָה, דַיין הֵיילִיגֶע, רֵיינֶע, זוֹיבֶּערֶע נְשָׁמָה! דַיין הֵיילִיגֶע רֵיינֶע זוֹיבֶּערֶע נְשָׁמָה! אִיז דֶען נִישְׁט גֶענוּג דִי נִסְיוֹנוֹת וָואס מֶען הָאט אִין גַאס?! לֵייג עֶס אִין דִי זַייט, הָאסְט מוֹרָא דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַ יָאנְטְשִׁי מֶענְטְשׁ, אַ נֶעבֶּעכְדִיגֶע מֶענְטְשׁ? – וָואס נֶעבֶּעכְ׳דִיג?! דוּ בִּיזְט אַ שְׁטִיק נֶעבֶּעךְ! דוּ בִּיסְט אַ נֶעבֶּעךְ!

בְּרֶענְג עֶס נִישְׁט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ! בְּרֶענְג עֶס נִישְׁט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ! הַאלְט דַיין שְׁטוּבּ זוֹיבֶּער! הַאלְט דַיין שְׁטוּבּ רֵיין! אִיךְ בֶּעט זִיךְ, צוּ מַיינֶע טֵייעֶרֶע **תַּלְמִידִים**! הַאלְט דַיין שְׁטוּבּ זוֹיבֶּער! הַאלְט דַיין שְׁטוּבּ רֵיין!

בִּיזְט בָּאוֹרְד אָנְדֶעם טֶעלֶעפָאוֹן?! – נוּ, דָאס בִּיסְטוּ! דָאס בִּיסְטוּ! יֶעצְט הֵייבּ אָן לֶעבְּן, הֵייבּ אָן טוּן זַאכְן וֶועסְטוּ וֶוערְן אוֹיס בָּאוֹרְד!

וָואס פַאר אַ לֶעבְּן אִיז דָאס, אַוֶועק לוֹיפְן צוּם טֶעלֶעפָאוֹן, מִישְׁן נַייעֶס, לֵייג עֶס אִין דִי זַייט, הֵייבּ אָן לֶעבְּן, נֶעם אַ חוּמָשׁ, מֶען הָאט יֶעצְט אָנְגֶעהוֹיבְּן ׳סֵפֶר בַּמִּדְבָּר׳, – ״אָבֶּער אִיךְ ווִיל זִיךְ אַבִּיסְל אוֹיסְטְשׁוּכֶענֶען״ – אִיךְ וֶועל דִיר אוֹיסְלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מֶען טְשׁוּכֶעט זִיךְ אוֹיס, אָן דִי טֶעלֶעפָאוֹן!! פְּרוּבִיר עֶס אוֹיס.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה רוּפְט זִיךְ אָן צוּ אַ חָתָן: דוּ גֵייסְט חֲתוּנָה הָאבְן, אוֹי וַאֲבוֹי, אוֹי וַאֲבוֹי, אוֹיבּ דוּ הָאסְט אַ טֶעלֶעפָאוֹן! דוּ וֶועסְט זוּכְן וואוּ אַוֶועק צוּ וַוארְפְן דַיין וַוייבּ, עֶס וֶועט דִיר נִישְׁט זַיין אִינְטֶערֶעסַאנְט, אֵיי וֶועסְטוּ מִיר פְרֶעגְן ׳וָואס הֵייסְט, עֶס אִיז דָאךְ דָא אַ גַאנְצֶע וֶועלְט וָואס לֶעבְּן יָא דֶערְמִיט?!׳ דָאס אִיז לְמַעַן הַבְּחִירָה וְהַנִּסָּיוֹן! בָּחוּרִים פְרֶעגְן מִיר דָאס: **״דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זִיצְט זִיךְ דָא מִיט עֶטְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן אוּן נָאר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט אוֹיסְגֶעטְרָאפְן אַ וֶועג אַז אָנְדֶעם טֶעלֶעפָאוֹן הָאט מֶען שָׁלוֹם בַּיִת?!״** דֶער עֶנְטְפֶער אִיז: **״יָא!״** דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן ש): **״אַלֶעס וָואס דוּ זֶעסְט – אִיז לְמַעַן הַבְּחִירָה וְהַנִּסָּיוֹן״;** וָואס דוּ זֶעסְט אִיז אַלֶעס אַז דוּ זָאלְסְט יֶעצְט קֶענֶען אוֹיסְוֶועלְן וָואס דוּ ווִילְסְט.

בְּרֶענְג נִישְׁט אַרַיין דַיין טֶעלֶעפָאוֹן אִין שְׁטוּבּ, אִיךְ בֶּעט דִיךְ, זָאג נִישְׁט ׳דוּ וֵוייסְט בֶּעסֶער׳, וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפֶנְט דֶעם שְׁטֶעטְל הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן מֶען זָאל מַאכְן אַ קִיאַסְק, מֶען זָאל הָאבְּן אָפְּגֶעהִיטֶענֶע שְׁטִיבֶּער, דָארְט אִיז דָא דִי בֶּעסְטֶע פִילְטֶערְס, פוּן דֶעסְט וֶועגְן קוּמְט מִיר יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט אַ צְוֵוייטֶער אִינְגֶערְמַאן זָאגְן אַז מֶען קֶען יָא זֶען, דָא אוּן דָארְט, רַחֲמָנָא לִצְלָן, אֵיי, מֶען הָאט דָאךְ גֶעמַאכְט דִי בֶּעסְטֶע פִילְטֶערְס? נָאר דִי קָאמְפֶּענִי פוּן דִי פִילְטֶערְס הָאט אוֹיךְ נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז דוּרְךְ דֶעם וֶועג קֶען מֶען יָא זֶען!

יֶעצְט קוּמְט מִיר אַ אִינְגֶערְמַאן זָאגְן: **"רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין וַוייבּ, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין עֶסְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין קְלֵיידֶער, אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט**, מַיין וַוייבּ הָאט גֶעטְרָאפְן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען יָא קוּקְן שֶׁעדְלִיכֶע קְלִיפּס אִינֶעם קִיאַסְק", רוּף אִיךְ גְלַייךְ אָן דֶעם אִינְגֶערְמַאן וָואס אִיז מְמוּנֶה אוֹיף דֶעם, זָאגְט עֶר מִיר עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ, מֶען קֶען גָארְנִישְׁט זֶען, זָאג אִיךְ אִים "אִיךְ גֵיי דִיר נִישְׁט יֶעצְט גֵיין זָאגְן דֶער טְרִיק וִוי אַזוֹי מֶען קֶען יָא זֶען, אָבֶער אִיךְ וֵוייס אַז מֶען קֶען יָא זֶען!" אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם מֶען הָאט עֶס פַארְבֶּעסֶערְט.

אִיךְ זָאג עֶס נָאר, וַוייל דוּ בִּיזְט אַזוֹי זִיכֶער אַז בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ אִיז פֵיין דוּ מֵיינְסְט אַז "אִיךְ הָאבּ אַ פִילְטֶער", דוּ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס 'דַיינֶע' קִינְדֶער גֵייעֶן זִיךְ רַייסְן שְׁפֶּעטֶער! וִוי לַאנְג נֶעמְט פַאר אַ קִינְד חָרוּב צוּ גֵיין? פִינְף מִינוּט! אַ קְלִיפּ פוּן פִינְף צֶען מִינוּט אוּן עֶר אִיז שׁוֹין נִישְׁט דָא, בַּאלְד וֶועט מֶען דִיר שׁוֹין רוּפְן פוּן חֵדֶר, דֶער מְנַהֵל וֶועט דִיר זָאגְן: **"דַיין זוּן אִיז נִישְׁט דָא!"** וֶועסְט זִיךְ שׁוֹין דַארְפְן מוּטְשֶׁען, וַוייל דֶער טַאטֶע אִיז אַן אוֹיבֶער חָכָם, דֶער טַאטֶע מֵיינְט אַז עֶר אִיז נִישְׁט פוּן דִי נֶעבֶּעכְדִיגֶע, פָּשׁוּט'עֶ, יָאנְטְשִׁי מֶענְטְשְׁן.

דוּ קֶענְסְט זַיין אַ בֶּעסֶערֶע מֶענְטְשׁ, דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט גֵיין אָנְגֶעטוּן אַזוֹי וִוי מִיר, אָבֶער דַיין שְׁטוּבּ הַאלְט זוֹיבֶער! פַאר דַיינֶע קִינְדֶער, פַאר דַיין וַוייבּ אוּן פַאר דִיר.

וִויפִיל וַוייבְלֶעךְ וֵויינֶען: "מַיין מַאן זָאל אַהֵיימְקוּמֶען", "עֶר אִיז נִישְׁט דָא", "קוּק אוֹיף מִיר", דִי טֶעלֶעפָאוֹן אִיז בֶּעסֶער בַּיי אִים.

מֶען וֶוערְט נֶערְוֶועז, מֶען הָאט מֶער נִישְׁט קֵיין גֶעדוּלְד אַהֵיים צוּקוּמֶען, אוֹטָאמַאטִישׁ הֵייבְט זִי אָן וֵויינֶען, אוּן אַז זִי וֵויינְט וֶוערְט עֶס שׁוֹין נָאךְ עֶרְגֶער, דֶער מַאן שְׁרֵייט אוֹיף אִיר: "הֶער שׁוֹין אוֹיף צוּ וֵויינֶען, אִיךְ קוּם מֶער נִישְׁט אַהֵיים, אִיךְ גֵיי מִיט חֲבֵרִים, אִיךְ מוּז אַוֶועקְפָארְן צוּ מְקוֹמוֹת הַקְדוֹשִׁים..." - הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ מֶען פָארְט צוּ מְקוֹמוֹת הַקְדוֹשִׁים מִיט חֲבֵרִים?! נָאכְדֶעם פַאלְט מֶען אִין עֲבֵירוֹת דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן, לֵייג עֶס אִין דִי זַייט.

**"אָבֶער אִיךְ בִּין בָּאוֹרְד, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט וָואס צוּ טוּן"**, - אָהָ! קוּם אָנְהֵייבְּן לֶעבְּן, נֶעם אַ מִשְׁנַיוֹת, הֵייבּ זִיךְ אָן אָנְגְרֵייטְן, מֶען גֵייט אֵיין טָאג אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי וֶועלְט, מֶען וֶועט דַארְפְן צוּרִיק גֶעבְּן דִי נְשָׁמָה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לָאמִיר זִיךְ אַבִּיסְל אָנְגְרֵייטְן, אַבִּיסְל עֶסְן, דִי מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא.

**טַייעֶרֶע בְּרִידֶער!** מֶען שְׁטֵייט יֶעצְט פַאר דִי הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב שְׁבוּעוֹת, פַאר קַבָּלַת הַתּוֹרָה, וֶוער וִויל נִישְׁט זַיין גוּט? יֶעדֶער וִויל זַיין גוּט!

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת, אוֹרַח חַיִּים, נְפִילַת אַפַּיִם, הֲלָכָה ו, אוֹת ה, ו) יֶעדְן טָאג אֵיידֶער מֶען זָאגְט תַּחֲנוּן זָאגְט מֶען: **"שֶׁאֵין אָנוּ עַזֵּי פָנִים וּקְשֵׁי עֹרֶף לוֹמַר לְפָנֶיךָ ... צַדִּיקִים אֲנַחְנוּ וְלֹא חָטָאנוּ, אֲבָל אֲנַחְנוּ וַאֲבוֹתֵינוּ חָטָאנוּ"**, וַוייל מֶען וִויל זָאגְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם דָא רֶעדְט מֶען פוּן אַ גוּטֶער מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט תְּשׁוּבָה טוּן, אִיךְ בִּין נִישְׁט עֶפֶּעס אַן עַזּוּת פָּנִים וָואס זָאגְט עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא, אִיךְ וִויל זַיין גוּט**, מֶען רֶעדְט דָא פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן, מֶען קוּמְט אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֶערְן אַ שִׁיעוּר, מֶען וִויל זַיין גוּט, נָאר מֶען טְרַאכְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ, 'אִיךְ קֶען עֶס הָאבְּן', 'אִיךְ וֵוייס וִוי אַיין אוּן וִוי אוֹיס'".

**בְּרֶענְג עֶס נִישְׁט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ!** אַוַודַאי זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי תְּפִילָה פוּן שְׁלָ"ה הַקָּדוֹשׁ, אַוַודַאי זָאלְסְטוּ זָאגְן תְּהִלִּים, אַוַודַאי זָאלְסְטוּ טוּן אַלֶע סְגוּלוֹת אוּן בֶּעטְן בְּרָכוֹת פוּן אַלֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן פַאר גוּטֶער קִינְדֶער, אָבֶער עֶס וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִיר, גֶעבּ אַכְטוּנְג דַיין שְׁטוּבּ זָאל זַיין זוֹיבֶער, בְּרֶענְג נִישְׁט אַרַיין קֵיין צֵייטוּנְגֶען, קֵיין מַאגַאזִינֶען אוּן נִישְׁט קֵיין טֶעלֶעפָאוֹן, לָאז דַיין שְׁטוּבּ אַ רֵיינֶע ווִינְקֶל, אַ בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אַ קוֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים, פַאר דַיין שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן פַאר זִיךְ אַלֵיינְס.

עֶס אִיז אַזַא נִסָּיוֹן וָואס אִיז יֶעצְט גֶעשֶׁען אִין דִי וֶועלְט, עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹינְס. מֶען קֶען נֶעמֶען דֶעם גַאנְצְן מענשט אוּן מֶען לָאזְט אִים נִישְׁט אָטֶעמֶען, מֶען לָאזְט אִים נִישְׁט לֶעבְּן!

אַמָאל אִיז גֶעוֶוען, מֶען אַרְבֶּעט אַפָּאר שָׁעָה, דֶערְנָאךְ קוּם אִיךְ אַהֵיים, אִיךְ בִּין בַּאפְרֵייט פוּן דִי אַרְבֶּעט, יֶעצְט גֵיי אִיךְ אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, יֶעצְט גֵיי אִיךְ צוּם רָב, יֶעצְט גֵיי אִיךְ צוּ אַ שִׂמְחָה, אוּן הַיינְט אִיז גָארְנִישְׁט דָא, פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה אִיז אֵיין שְׁטִיק נַייעֶס, דְזְשָׁאוֹקְס, שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים אוּן לֵיצָנוּת, וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז עֶס הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט לֵיצָנוּת אוֹיף צַדִּיקִים, לֵיצָנוּת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז דָאךְ סַכָּנַת נְפָשׁוֹת! לֵיצָנוּת אִיז סַכָּנַת נְפָשׁוֹת.

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן פוּן טִיפֶענִישׁ פוּן הַארְץ**: אִיךְ בֶּעט דִיךְ פוּן מַיין הַארְץ! **וָואס טוּסְטוּ?! לָאז דַיין שְׁטוּבּ זוֹיבֶער! לָאז דַיין שְׁטוּבּ רֵיין!** עֶס וֶועט דִיךְ לִיכְטִיג וֶוערְן, עֶס וֶועט דִיךְ לֶעכְטִיג וֶוערְן.

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ אַ חָתָן**: אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעמַאכְט אַ שִׁידוּךְ, עֶס הָאט מִיר גֶעקָאסְט בְּלוּט, עֶס אִיז נִישְׁט אַזַא גְרִינְגֶע זַאךְ צוּ מַאכְן שִׁידוּכִים, **דָאס דַארְף אִיךְ פַאר שַׁדְכָנוּת, דוּ זָאלְסְט מִיר צוּזָאגְן אַז דַיין שְׁטוּבּ גֵייט בְּלַייבְּן רֵיין!** אֵיי, וָואס וֶועט זַיין מִיט דִי בִּיזְנֶעס? - וָואס בִּיזְנֶעס?! דוּ הָאסְט מֶער גֶעלְט פוּן מִיר?! אִיךְ הָאבּ אַ פָּשׁוּט'עֶ טֶעלֶעפָאוֹן אוּן דוּ הָאסְט מֶער גֶעלְט פוּן מִיר?! דוּ הָאסְט נִישְׁט מֶער גֶעלְט פוּן מִיר!

**"אָבֶער אִיךְ דַארְף עֶס הָאבְּן, אִיךְ פִיר אָן קָאמְפֶּענִיס מִיט זַאכְן"**, - פֵיין נֶעם אַ אָפִיס אוּן מַאךְ זִיכֶער עֶס זָאל זַיין אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, אוּן מִיט דֶעם אַלֶעם דַארְפְסְטוּ נָאךְ אוֹיךְ הָאבְּן רַחֲמֵי שָׁמַיִם, אָבֶער פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה זַיין פַארְנוּמֶען מִיט דֶעם?! נִישְׁטָא קֵיין וַוייבּ, נִישְׁטָא קֵיין קִינְדֶער, נִישְׁטָא קֵיין שַׁחֲרִית, נִישְׁטָא קֵיין מִנְחָה, נִישְׁטָא קֵיין מַעֲרִיב.

וֶוען דוּ דַאוֶונְסְט שַׁחֲרִית מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב לֶעשׁ אוֹיס דַיין טֶעלֶעפָאוֹן, לֵייג עֶס אִין דִי זַייט, יֶעצְט דַאוֶוען אִיךְ, יֶעצְט רֶעד אִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען גֵייט יֶעצְט מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, לָאמִיר מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה; אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַ שֵׁיינֶע בִּילְד, נִישְׁט קֵיין עֶכְטֶע בִּילְד נָאר וָואס אֵיינֶער הָאט גֶעמָאלְן, אָבֶער עֶס אִיז לֵיידֶער אַן עֶכְטֶע בִּילְד פוּן הַיינְט, אֵיינֶער הָאט גֶענוּמֶען אַ בִּילְד פוּנֶעם בִּיכְל "אַ הִילְף פַאר'ן קִינְד", וואוּ מֶען זֶעט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ מִיט דִי טִיכְל אוֹיף קָאפּ, אוּן אַלֶע מֶענְטְשְׁן אַרוּם דֶעם בַּארְג סִינַי, אוּן גֶעמָאלְן אַ בִּילְד וִוי בִּשְׁעַת מֹשֶׁה רַבֵּינוּ קוּמְט אַרָאפְּבְּרֶענְגֶען דִי תּוֹרָה שְׁטֵייעֶן אַלֶע מִיט טֶעלֶעפָאוֹנְ'ס, אוֹי עֶס וֵויינְט דִי הַארְץ וֶוען מֶען זֶעט עֶס, מֶען גֶעבְּט זִיךְ אַזַא פַּאטְשׁ אִין פָּנִים, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ שְׁטֵייט מִיט דִי תּוֹרָה, דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִיז דָא, דֶער הֵילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, אוּן אַלֶע אִידְן שְׁטֵייעֶן מִיט דִי טֶעלֶעפָאוֹנְ'ס, מֶען זֶעט אוֹיף יֶעדֶענְ'ס סְקְרִין אִין קְלֵיין מֹשֶׁה רַבֵּינוּ מִיט דִי בַּארְג סִינַי...

אִיךְ וֶועל עֶס נָאכְאַמָאל אִיבֶּער זָאגְן, אוּן אִיךְ וֶועל עֶס נָאכְאַמָאל אִיבֶּער זָאגְן, אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט וָואס מוֹסִיף צוּ זַיין, דֶער שִׁיעוּר אִיז שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט, דָאס אִיז דִי גַאנְצֶע שִׁיעוּר; **אִיךְ בֶּעט עֶנְק, אִיךְ בֶּעט עֶנְק, נֶעמְט נִישְׁט אַרַיין קֵיין טֶעלֶעפָאוֹן אִין שְׁטוּבּ!**

קוּק דִיךְ נִישְׁט אָן וִוי אַ נֶעבֶּעךְ אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קֵיין טֶעלֶעפָאוֹן, קוּק דִיךְ נִישְׁט אָן אַז דוּ בִּיזְט פוּן דִי אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע, פְרוּמֶע, נֶעבֶּעכְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן! דוּ וֶועסְט לִיבּ הָאבְּן צוּ גֵיין צוּ דַיין וַוייבּ, וֶועסְט לִיבּ הָאבְּן צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט אִיר, עֶס וֶועט דִיר זַיין גֶעשְׁמַאק אִינְדֶערְהֵיים.

עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט גֶעשֶׁען אַז דוּ וֶועסְט הֶערְן דִי נַייעֶס אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, וֶועסְט עֶס הֶערְן דְרֵיי וָואכְן שְׁפֶּעטֶער, וֶועסְט עֶס הֶערְן נָאכְדֶעם וָואס מֶען הָאט שׁוֹין גֶעכַאפְּט דֶעם גַנָּב, נָאכְדֶעם וָואס מֶען הָאט אִים שׁוֹין אַרוֹיס גֶעלָאזְט פוּן תְּפִיסָה, אוּן נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט שׁוֹין נָאכְאַמָאל גֶע'גַנְבְ'עֶט, דוּ מוּזְט עֶס הֶערְן אוֹיף דִי סֶעקוּנְדֶע?! דַיינֶע קִינְדֶערְלֶעךְ זֶענֶען דָא, עֶס אִיז דִיר נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט?!

נָאכְדֶעם הֵייבְּט זִיךְ עֶס שׁוֹין אָן מִיט עֲבֵירוֹת, מִיט נִיאוּף, מִיט גִּלּוּי עֲרָיוֹת, מֶען הֵייבְּט זִיךְ אָן

צוּ שְׁרַייבְּן מִיט פְרֶעמְדֶע, מֶען הֵייבְּט אָן קוּקְן פְרֶעמְדֶע זַאכְן, וָואס קֶען שׁוֹין מַיין וַוייבּ רֶעדְן צוּ מִיר, אִיךְ זֶע דָא אַזֶעלְכֶע נִסְיוֹנוֹת, אַזֶעלְכֶע שְׁוֶועריקַייטְן, פְּלוּצְלִינְג וֶוערְט דַיין וַוייבּ אוֹיס אִינְטֶערֶעסַאנְט פַאר דִיר, אוּן עֶר הֵייבְּט אָן בֶּעטְן דִי וַוייבּ זִי זָאל זִיךְ אָנְטוּן אַזַא לַאנְגֶע שֵׁייטְל, אוּן מַאכְן דִי קְלֵיידֶער נָאךְ קֶערְצֶער וְכוּ' וְכוּ', וָואס ווִילְסְטוּ?! בִּיזְט מְשׁוּגָע גֶעוָוארְן?! גֵיי שְׁפַּאר אִים אַיין, גֶעבּ אִים אַ נִידְל, וָואס אִיז דִי מַעֲשֶׂה מִיט דִיר?! מֶען וֶוערְט פָּשׁוּט מְשׁוּגָע, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְבָרִים כח, לד): "וְהָיִיתָ מְשֻׁגָּע מִמַּרְאֵה עֵינֶיךָ אֲשֶׁר תִּרְאֶה".

אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן וֶועט עֶס הָאבְּן אַלֶע טַעֲמִים, דִי שְׁכִינָה וֶועט רוּעֶן בַּיי דִיר, וֶועסְט שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס קֶען מֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין, דָאס דַארְף מֶען טוֹעֵם זַיין, ווִילַאנְג דִי אוֹיגְן זֶענֶען הֶפְקֵר אִיז מֶען אַן עַצְבוּת'דִיגֶער מֶענְטְשׁ, אַ מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיגֶער מֶענְטְשׁ.

מִיר הָאבְּן גֶענוּג נִסְיוֹנוֹת אִין גַאס! דַארְף מֶען נָאךְ הָאבְּן אַ טֶעלֶעפָאן?! אִיךְ וֵייס נִישְׁט ווִי אַזוֹי אִינְגֶעלַייט מַאכְן עֶס, מֶען גֵייט אוּן קוּמְט אִין גַאס, עֶס אִיז דָאךְ אָיוֹם וְנוֹרָא, עֶס אִיז גֶעפֶערְלִיךְ, מֶען דַארְף רַחֲמֵי שָׁמַיִם, מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ ווִיל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן, אִיךְ ווִיל זַיין הֵיילִיג, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר", אָבֶּער דָאס מוּזְטוּ טוּן, לֵייג אַוֶועק דַיין טֶעלֶעפָאן.

מִיר הָאבְּן דָאךְ מוֹסְדוֹת אוֹיף עֶטְלִיכֶע פְּלֶעצֶער, שְׁרַייבְּן מִיר קִינְדֶער בְּרִיוְון "עֶס אִיז מִיר בִּיטֶער דָאס לֶעבְּן", וָואס אִיז גֶעשֶׁען? "פוּן מַיין טַאטֶע'ס טֶעלֶעפָאן..." דַיין טַאטֶע אִיז דָאךְ אַ כְּלוֹמֶר'ישֶׁער תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ? עֶר אִיז דָאךְ אַן עֶרְלִיכֶער?! אִיךְ קֶען גָארְנִישְׁט זָאגְן פַאר'ן טַאטֶע'ן וַוייל עֶר אִיז דָאךְ סֵיי ווִי אַן אוֹיבֶּער חָכָם, עֶר הַאלְט דָאךְ אַז עֶר פַארְשְׁטֵייט אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין אַבִּיסְל אָפְּן, נָאכְדֶעם וֶועלְן זֵיי אַוֶועקְפַאלְן רַחֲמָנָא לִצְלָן.

הִיט אָפּ דַיינֶע קִינְדֶער! הִיט אָפּ דִי שְׁכִינָה אִין שְׁטוּבּ! דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקסג): "אִין דִי צַייטְן פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט מֶען גֶערוּפְן דִי שְׁכִינָה הַקְדוֹשָׁה 'שָׂרָה', אִין דִי צַייטְן פוּן יִצְחָק אָבִינוּ הָאט מֶען גֶערוּפְן דִי שְׁכִינָה הַקְדוֹשָׁה 'רִבְקָה', אִין דִי צַייטְן פוּן יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט מֶען גֶערוּפְן דִי שְׁכִינָה הַקְדוֹשָׁה 'רָחֵל אוּן לֵאָה'", אוּן דֶער רֶבִּי פִירְט אוֹיס: "וְכֵן הוּא אֵצֶל כָּל אֶחָד וְאֶחָד", אוּן אַזוֹי אִיז בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם, דִי וַוייבּ אִיז בְּחִינַת שְׁכִינָה, אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז אָפְּגֶעהִיטְן מִיט שְׁמִירַת עֵינַיִם, קֶען עֶר שְׁפִּירְן דִי שְׁכִינָה.

אִין שְׁטוּבּ טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט פִירְן מִיט חוּמְרוֹת, דָאס דַארְף מֶען רֶעדְן אִין אַ בַּאזוּנְדֶערֶע שְׁמוּעֶס, אָבֶּער אַז מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט פַאר דִי הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, דַארְף מֶען זִיךְ אָנְקוּקְן וואוּ מִיר הַאלְטְן, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ קוּמְט יֶעצְט אַרָאפּ פוּן בַּארְג סִינַי, אוּן דוּ כַאפְּסְט בִּילְדֶער פוּן דִי בְּלִיצְן, פוּן דִי דִינֶערְן, ווִי אַלֶע גוֹיִם לוֹיפְן אַוֶועק, פוּן דִי בַּארְג וָואס רֶעדְט... מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז דָא! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא!

פַארְקֶערְט פַארְשְׁטֵייט עֶס יֶעדֶער; אִינְגֶעלַייט וֵויינֶען צוּ מִיר: "אִיךְ וֵייס נִישְׁט וָואס עֶס אִיז גֶעשֶׁען מִיט מַיין וַוייבּ, זִי הָאט אַ טֶעלֶעפָאן אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין וֶועשׁ, נִישְׁטָא קַיין נַאכְטְמָאל, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא, אִיךְ קוּם אַהֵיים זִי אִיז אַזוֹי פַארְטוּן אִינֶעם טֶעלֶעפָאן, זִי קוּקְט נָאר דָאס, זִי קוֹיפְט נָאר דָאס", - אוּן וָואס אִיז מִיט דִיר? - "אִיךְ וֵייס ווִי אַיין אוּן ווִי אוֹיס!" - דוּ וֵייסְט ווִי אַיין אוּן ווִי אוֹיס?! פַארְוָואס בִּיזטוּ אַן אוֹיבֶּער חָכָם? לָאז דַיין שְׁטוּבּ זוֹיבֶּער, - "אִיךְ מוּז הָאבְּן אַ טֶעלֶעפָאן אִינְדֶערְהֵיים, וַוייל אִיךְ בִּין בָּאוֹרְד", - זָאלְסְטוּ נֶעמֶען אַ מִשְׁנַיוֹת, אָדֶער נֶעם דַיין וַוייבּ שְׁפַּאצִירְן, אוּן דוּ טוּסְט עֶס שׁוֹין צוּזַאמֶען מִיטְ'ן טֶעלֶעפָאן אִיז עֶס גָארְנִישְׁט וֶוערְד, זִי דַארְף נִישְׁט דַיין שְׁפַּאצִיר, זִי דַארְף נִישְׁט דַיין אַיינְקוֹיפְן, זִי דַארְף גָארְנִישְׁט, זִי דַארְף אֵיין זַאךְ: 'אַ מַאן וָואס זָאל אִיר אוֹיסְהֶערְן', אַ מַאן וָואס זָאל 'דָא' זַיין דִי פַאר שָׁעָה וָואס דוּ בִּיזְט דָא, אָדֶער בֶּעסֶער גֶעזָאגְט 'דִי פַאר מִינוּט' וָואס דִי בִּיזְט דָא.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ אַ חָתָן: דוּ הֶערְסְט חָתָן? גֶעבּ מִיר דָאס פַאר שַׁדְכָנוּת! בְּרֶענְג נִישְׁט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ קַיין שׁוּם זַאךְ וואוּ מֶען קֶען זֶען זַאכְן; אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטוּבּ זָאלְסְטוּ גֵיין פְרֶעגְן צִי דוּ קֶענְסְט הָאבְּן אָבֶּער אִין שְׁטוּבּ נִישְׁט, מַיין שְׁטוּבּ אִיז אַ זוֹיבֶּערֶע פְּלַאץ, אַ פְרֵיילִיכֶע פְּלַאץ, וואוּ טַאטֶע מַאמֶע, מַאן אוּן וַוייבּ לֶעבְּן צוּזַאמֶען מִיט אַ גֶעשְׁמַאק.

דִי לֵצִים זָאגְן: "וָואס אִיז גֶעוֶוען פַאר דִי סְמַארְטְפָאוֹנ'ס? מָשִׁיחַ אִיז דָאךְ אוֹיךְ נִישְׁט גֶעקוּמֶען..." דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ קֶענְסְטוּ פְרֶעגְן: "וָואס מַאכְט מֶען אַזַא עֵסֶק פוּן יֶענֶע מַעֲשֶׂה, וָואס אִיז גֶעוֶוען פַאר יֶענֶע מַעֲשֶׂה?..." עֶס הַרְגְ'עט מִטּוֹב וְעַד רָע, עֶס לָאזְט נִישְׁט לֶעבְּן, עֶס הַרְגְ'עט יֶעדְן אֵיינֶעם.

אָן אַ טֶעלֶעפָאן דַארְף מֶען אוֹיךְ רַחֲמֵי שָׁמַיִם, אָן אַ קָאמְפְּיוּטֶער דַארְף מֶען אוֹיךְ רַחֲמֵי שָׁמַיִם, פַאר מֶען גֵייט אַרוֹיס אִין גַאס דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי דִי מְזוּזָה: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיךְ, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", דָאס אִיז דָאךְ דִי מַתָּנָה וָואס מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן, תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת.

אַמָאל הֶערְט מֶען אַ דְרָשָׁה אַז דָאס אִיז יָא גוּט אוּן דָאס אִיז נִישְׁט גוּט, אוּן וָואס זָאל אִיךְ יֶעצְט טוּן מִיט דֶעם? דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז אָבֶּער גֶעצֵייג, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן טִיפֶענִישׁ פוּן הַאַרְץ: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל זַיין אַ אִיד", בֶּעט פָּשׁוּטְ'עֶ וֶוערְטֶער: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער, אִיךְ בִּין אַזוֹי צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דִי טֶעלֶעפָאן, אִיךְ קֶען זִיךְ פוּן דֶעם נִישְׁט אָפְּשֵׁיידְן".

אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ קוּקְן, אִיז דָאס אַן עֶרְגֶערֶע אַדִיקְשָׁאן פוּן דְרָאגְס, דָאס צַיְט, דֶער מענשט אִיז בִּכְלַל נִישְׁט דָא, עֶר מוּז עֶנְדִיגְן קוּקְן, אוּן דָאס אִיז דָאךְ אַלֶעס דִמְיוֹן, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא בִּמְצִיאוּת, עֶר קוּקְט אוּן קוּקְט, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב.

בְּרֶענְג עֶס נִישְׁט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ! גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער! ווִי אַ שְׁטַארְקֶע פִילְטֶער קֶענְסְטוּ הָאבְּן אַז דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן עֶס נִישְׁט קֶענֶען עֶפֶענֶען? שְׁטֶערְקֶער פוּן וֶועם?! קִינְדֶער קוּמֶען צוּ מִיר וֵויינֶען אַז זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען זַאכְן אוֹיף זֵייעֶר טַאטֶעס טֶעלֶעפָאן - מִיט דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע פִילְטֶער.

אַז דוּ הָאסְט אַ אָפִיס פַאר בִּיזְנֶעס אִיז פֵיין, אָבֶּער וָואס ווִילְסְטוּ פוּן דַיין שְׁטוּבּ? דַיין וַוייבּ וָוארְט אוֹיף דִיר, דַיין וַוייבּ ווִיל פָּשׁוּט שְׁמוּעֶסְן מִיט דִיר, אוּן דַיין טֶעלֶעפָאן אִיז דִיר ווִיכְטִיגֶער, מֶער אִינְטֶערֶעסַאנְט.

ווִי קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף דֶעם? דַיין וַוייבּ צֶערַייסְט זִיךְ פַאר דִיר, זִי קָאכְט, זִי בַּאקְט, זִי וַואשְׁט, אוּן זִי וָוארְט פָּשׁוּט דֶער מַאן זָאל אַבִּיסְל קוּקְן אוֹיף אִיר, - "אָקֶעי אִיךְ קוּק אוֹיךְ דִיר..." - יֶעצְט נֶעם שׁוֹין עֶנְדֶערְשׁ דַיין טֶעלֶעפָאן, אוֹיבּ מֶען טוּט דָאס פַאר אַ גַאנְצֶע טוֹבָה...

בְּרֶענְגְט עֶס נִישְׁט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ! אִיךְ בִּין זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ פַאר בָּחוּרִים צוּ מַאכְן שִׁידוּכִים, תַּלְמִידוֹת בֶּעטְן זִיךְ "גֶעבּ מִיר אַ גוּטֶער בָּחוּר, אִיךְ ווִיל אַ וואוֹילֶער בָּחוּר", נָאךְ דִי חֲתוּנָה אִיז אַלֶעס גֶעעֶנְדִיגְט, דֶער מַאן הָאט בַּאקוּמֶען אַ טֶעלֶעפָאן פַאר דִי בִּיזְנֶעס, עֶר שְׁלָאפְט מִיט דֶעם, עֶר שְׁטֵייט אוֹיף מִיט דֶעם.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט, אוּן זִיךְ גֶעבֶּעטְן: מַאכְסְט מִיר צַעַר! אִיךְ בִּין דָאס נִישְׁט מוֹחֵל! אָדֶער וֶועל אִיךְ דַארְפְן אוֹיפְהֶערְן מַאכְן שִׁידוּכִים, אָדֶער פַארְמַאךְ אִיךְ דִי יְשִׁיבָה, וַוייבְּלֶעךְ וֵויינֶען צוּ מִיר זֵיי ווִילְן אַ לֶעבְּן, מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן עֶפֶּעס אַ פְרוּמֶע לֶעבְּן, מֶען רֶעדְט פוּן אַ פָּשׁוּטְ'עֶ לֶעבְּן, מַיין מַאן זָאל שְׁמוּעֶסְן מִיט מִיר, שְׁפַּאצִירְן מִיט מִיר, עֶר אִיז נִישְׁט דָא, עֶר קוּקְט אוֹיף דִי טֶעלֶעפָאן, וָואס זָאל אִיךְ זֵיי עֶנְטְפֶערְן?!

וָואס אִיז מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס, לָאז דַיינֶע קִינְדֶער אִין דִי זַייט, שֶׁחְט דַיינֶע קִינְדֶער, לָאז דַיין וַוייבּ אִין דִי זַייט, זָאל זִי וֵויינֶען, אָבֶּער וָואס אִיז מִיט דִיר אַלֵיינְס?! וָואס אִיז מִיט דַיין נְשָׁמָה?!

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, וֶוער עֶס וֶועט הָאבְּן שֵׂכֶל וֶועט פָאלְגְן.

## וֶועלְכֶע מַעֲשִׂיוֹת אִיז גוּט צוּ דֶערְצֵיילְן פַאר קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

אִיר רֶעדְט אַסַאךְ פוּן דֶערְצֵיילְן סִפּוּרֵי צַדִּיקִים פַאר קִינְדֶער, סְפֶּעצִיֶעל אַזֶעלְכֶע מַעֲשִׂיּוֹת וָואס מֶען קֶען נָאכְמַאכְן. אִיךְ ווִיל אָבֶער ווִיסְן וואוּ מֶען קֶען טְרֶעפְן אַזֶעלְכֶע גוּטֶע מַעֲשִׂיּוֹת פַאר קִינְדֶער. אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר מִיר אַרוֹיסְהֶעלְפְן?

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם א׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-ב, כ״ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג פֶּסַח, שְׁנַת תשע״ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הַיינְט אִיז דָא אַ שֶׁפַע פוּן מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ; עֶס אִיז דָא שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דָא שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים צַאמְגֶענוּמֶען פוּן אַלֶע מִדְרָשִׁים אוּן גְמָרוֹת ווִי אַזוֹי דִי הֵיילִיגֶע תַּנָּאִים אוּן אֲמוֹרָאִים הָאבְּן גֶעלֶעבְּט. אוֹיךְ אִיז דָא שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה טֶעיִפְּס ווִי עֶס וֶוערְט זֵייעֶר שֵׁיין דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים ווִי אַזוֹי זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט; וֶוען מֶען לֵיינְט דָאס אוּן מֶען הֶערְט דָאס וֶוערְט מֶען זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן רלה): ״דַּע שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים, הַיְנוּ מִמַּה שֶּׁאֵרַע לָהֶם, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד, וְעַל יְדֵי זֶה נִטְהָר מַחֲשַׁבְתּוֹ״, עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים, דָאס בְּרֶענְגְט אַז מֶען זָאל הָאבְּן אַ רֵיינֶעם מֹחַ; וַוייל וֶוען מֶען הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִּיק ווִי אַזוֹי עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט פַארְלוֹירְן וֶוען עֶר אִיז אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אַ שְׁוֶועריִקַייט, וֶוערְט דֶער מֹחַ רֵיין פוּן אַלֶע דַאֲגוֹת אוּן דִמְיוֹנוֹת וְכוּ׳ וְכוּ׳, מֶען הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן: ׳עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי וֶועלְט׳, מֶען הֵייבְּט אָן זֶען אַז אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ אִיז נַארִישׁ, דָאס הֵייסְט אַז דֶער מֹחַ וֶוערְט אוֹיסְגֶעקְלָארְט. אָבֶער דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם) מֶען דַארְף ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה; דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זֶען מֶען זָאל אַרוֹיס נֶעמֶען הִתְחַזְּקוּת פוּן דִי מַעֲשֶׂה, אַז מִיר זָאלְן אוֹיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי דִי צַדִּיקִים הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן רמח): ״דַּע, שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד״, עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ הֶערְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים, ״כִּי עַל יְדֵי סִפּוּרִים מִצַּדִּיקִים, נִתְעוֹרֵר וְנִתְלַהֵב הַלֵּב בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּחֵשֶׁק נִמְרָץ מְאֹד״, וַוייל וֶוען מֶען הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִּיק וֶוערְט דָאס הַארְץ אוֹיפְגֶעפְלַאמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בַּאקוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע חֵשֶׁק צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען זֶעט צוּ וָואס דִי צַדִּיקִים הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען אִין זֵייעֶר לֶעבְּן.

מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס מֶען גֶעבְּט פַאר קִינְדֶער צוּ הֶערְן; לֵיידֶער זֶענֶען דָא זֵייעֶר אַסַאךְ טֶעיִפְּס פוּן לֵיצָנוּת בְּאִיצְטְלָא דְרַבָּנָן. עֶס זֶעט אוֹיס ווִי אַ הֵיימִישֶׁע מַעֲשֶׂה וְכוּ׳ אָבֶער עֶס אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט סַם הַמָּוֶת; אֵיין שְׁטִיק לֵיצָנוּת פוּן יֶעדְן מִנְהָג אוּן פוּן צַדִּיקִים.

מֶען זֶעט אַז רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ הָאט אָנְגֶעזָאגְט זַיינֶע קִינְדֶער (פְּסָחִים קיב:): ״אַל תָּדוּרוּ בְּשְׁכֶנְצִיב״, אִיר זָאלְט נִישְׁט וואוֹינֶען אִין דִי שְׁטָאט שְׁכֶנְצִיב, וַוייל זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר גְרוֹיסֶע לֵצִים אוּן אִיר וֶועט וֶוערְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ זֵיי; זֶעט מֶען פוּן דֶעם ווִי הַארְבּ לֵיצָנוּת אִיז אוּן ווִי וַוייט אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן וואוּ עֶר וואוֹינְט, מִיט וֶועם עֶר חַבֶרְ׳ט זִיךְ אוּן וָואס פַאר אַ מַעֲשִׂיּוֹת אוּן דְרָשׁוֹת מֶען הֶערְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן קֶענֶען מְחַנֵךְ זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, אָמֵן.

...

(עצתו אמונה חלק ד׳, מכתב רצו)

## פִירְן אַ פָּשׁוּט׳ֶע בִּילִיגֶע לֶעבְּן, קֶען שַׁאטְן פַאר דִי קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

אִיךְ בִּין אַ מַאמֶע פוּן אַ קִינְדֶער גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע פַאמִילְיֶע, אִיךְ פְּרוּבִּיר זִיךְ צוּ הַאלְטְן צוּ אַ בִּילִיגֶע סְטַאנְדַארְט, צוּ קוֹיפְן דִי בִּילִיגְסְטֶע, אוּן אֲפִילוּ נֶעמֶען גֶענוּצְטֶע וֶועשׁ פוּן אַנְדֶערֶע, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט חוֹל הַמּוֹעֵד גֵייעֶן מִיר נָאר צוּ פָּשׁוּטֶ׳ע פְּלֶעצֶער צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען. ווִידֶער מַיינֶע שְׁוֶועסְטֶער אוּן שְׁוֶועגֶערִינְס הַאלְטְן זִיךְ זֵייעֶר הוֹיךְ, זֵיי קוֹיפְן אַלְץ טֵייעֶרֶע זַאכְן, אוּן מֶען גֵייט אוֹיף וַוייטֶע אוּן טֵייעֶרֶע אוֹיסְפְלוּגְן.

אִיךְ ווִיל ווִיסְן אוֹיבּ דָאס וֶועט נִישְׁט שָׁאטְן פַאר מַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְכֶע קֶענֶען שְׁפִּירְן אַז זֵיי זֶענֶען בַּא׳עַוְולְ׳ט גֶעוָוארְן, זֵיי זֶענֶען דִי נֶעבֶּעךְ׳ס, זֵיי בַּאקוּמֶען נִישְׁט אַזוֹיפִיל ווִי זֵייעֶרֶע קְרוֹבִים.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם א׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-ב, כ״ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג פֶּסַח, שְׁנַת תשע״ח לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וואוֹיל אִיז אַייךְ אַז אִיר צִיט אוֹיף אַייעֶר מִשְׁפָּחָה אֵיידְל אוּן בַּאשֵׁיידְן וְכוּ׳.

ווִיסְן זָאלְט אִיר, דִי קִינְדֶער וָואס מֶען צֶערְטֶעלְט (סְפּוֹילְט) זֵיי, מֶען טוּט זֵיי אָן ווִי קֶענִיגְן אוּן מֶען טְרָאגְט זֵיי חוֹל הַמּוֹעֵד הַאלְטְן אוֹיף דִי זוּן אִין דִי לְבָנָה וְכוּ׳ – אוֹיף זֵיי אִיז אַ גְרוֹיסֶער רַחְמָנוּת, וַוייל גֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער אַלֶעס וָואס זֵיי ווִילְן אוּן אַלֶעס וָואס זֵיי חָלוֹמְ׳עֶן דָאס מַאכְט זֵיי פַאר אַ נֶעבֶּעךְ.

גֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער אַלֶעס וָואס זֵיי בֶּעטְן וְכוּ׳ – אִיז אַ פוֹילֶע וֶועג אִין חִינוּךְ; עֶלְטֶערְן כַאפְּן זִיךְ נִישְׁט אַז דָאס אָנְטוּן דִי קִינְדֶער מִיט דִי טֵייעֶרְסְטֶע קְלֵיידֶער אוּן מִיט דִי נֵייסְטֶע מָאדֶעס – וֶועט זֵיי שְׁפֶּעטֶער קָאסְטְן אַ טֵייעֶרֶע פְּרַייז.

קִינְדֶער דַארְפְן גָארְנִישְׁט, קִינְדֶער דַארְפְן נָאר אַיין זַאךְ: ״אַ וַוארֶעמֶע שְׁטוּבּ״; קִינְדֶער וָואס הָאבְּן אַ וַוארֶעמֶע שְׁטוּבּ, זַיי וַואקְסְן אוֹיף אִין אַ שְׁטוּבּ וואוּ דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן זִיךְ לִיבּ, וואוּ דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען זִיךְ מְכַבֵּד אֵיינֶער דֶעם צְוֵייטְן – דִי קִינְדֶער קֶענֶען נִישְׁט וֶוערְן קַיין נֶעבֶּעךְ׳ס. קִינְדֶער וָואס מֶען רֶעדְט שֵׁיין צוּ זֵיי, מֶען דֶערְנִידֶערְט זֵיי נִישְׁט, מֶען שְׁרֵייט נִישְׁט אוֹיף זֵיי – דִי וַואקְסְן אוֹיף גֶעזוּנְט.

דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן וַוייטֶער צוּ מְחַנֵךְ זַיין אַייעֶרֶע קִינְדֶער פָּשׁוּט אוּן בִּילִיג אוּן אִיר זָאלְט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵייטְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ו:): ״כֵּיוָן שֶׁנִּצְטָרֵךְ אָדָם לַבְּרִיּוֹת, פָּנָיו מִשְׁתַּנּוֹת כִּכְרוּם״, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט אוֹיף אַ צְוֵייטְן, עֶר ווִיל גֶעפֶעלְן פַאר אַ צְוֵייטְן, וֶוערְט עֶר אַזוֹי ווִי אַ קָאלִירְטֶע פֵייגְל וָואס טוּישְׁט יֶעדְן טָאג אִיר קָאלִיר, וַוייל זִי דַארְף פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַנְדֶערְשׁ אוֹיסְקוּקְן – דָאס אִיז נִישְׁט קַיין לֶעבְּן; אַז מֶען זוּכְט נָאר צוּ גֶעפֶעלְן אַ צְוֵייטְן דֶעמָאלְט אִיז מֶען אַ נֶעבֶּעךְ, אָבֶער וֶוען מֶען לֶעבְּט פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען לֶעבְּט פַאר זִיךְ – דֶעמָאלְט לֶעבְּט מֶען אַ גוּט לֶעבְּן.

נָאכְאַמָאל, קֵיינֶער זָאל אַייךְ נִישְׁט אַיינְרֶעדְן אַז אוֹיבּ אִיר וֶועט נִישְׁט גֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער דָאס טֵייעֶרְסְטֶע אוּן דָאס בֶּעסְטֶע וְכוּ׳ וְכוּ׳ וֶועלְן זֵיי שְׁפֶּעטֶער זָאגְן אַז מֶען הָאט זֵיי בַּא׳עַוְולְ׳ט; פַארְקֶערְט, דִי אַלֶע וָואס שְׁרֵייעֶן אַז מֶען הָאט זֵיי גָארְנִישְׁט גֶעגֶעבְּן וְכוּ׳ – קוּמֶען פוּן שְׁטוּבֶּער וָואס מֶען הָאט זֵיי בֶּאֱמֶת

## המשך
## [illegible]יְוון פוּן הַחינוּך
פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

גֶעפַּיינִיגְט, פַּארְשֶׁעמְט אוּן גֶע'רוֹדְפְ'ט, דָאס בַּאדֶערְט זֵיי.

דֶער עִקָר דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער; בִּפְרַט הַיינְטִיגֶע צַייטְן וָואס עֶס בּוּזְשֶׁעוֶועט אַ שְׁטוּרֶעם וִוינְט אוּן רַייסְט אוֹיס יוּנְגֶע אוּן אַלְטֶע בֵּיימֶער, מֶענְטְשְׁן פַּאלְן אַוֶועק פוּן דִי אֱמוּנָה, מֶענְטְשְׁן פַּאלְן אַוֶועק פוּנֶעם דֶרֶךְ הַתּוֹרָה, דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶעס קִינְד בַּאזוּנְדֶער אוּן מֶען דַארְף אַסַאךְ פַּארְבְּרֶענְגֶען מִיט זֵיי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה חלק ד׳, מכתב רצב)

## עִנְיָנָא דְיוֹמָא - יו"ט שָׁבוּעוֹת

### עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן אַ מְלַמֵד.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"ב אִיָר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט דִי זְכִיָה צוּ זַיין אַ מְלַמֵד פַאר תִּינוֹקֶת שֶׁל בֵּית רַבָּן; עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וִוי אַ מְלַמֵד פַאר תִּינוֹקֶת שֶׁל בֵּית רַבָּן, דֶער וָואס לֶערְנְט מִיט דִי רֵיינֶע קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף דִי תּוֹרָה פוּן תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן.

יֶעצְט וֶוען מִיר שְׁטֵייעֶן פַאר דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת - זְמַן מַתַּן תּוֹרָתֵינוּ זֶענֶען דִי מְלַמְדִים דִי גְרֶעסְטֶע מְחוּתָּנִים. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה א, ד) אַז וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר דִי אִידְן הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן פוּן דִי אִידְן: "הָבִיאוּ לִי עֲרֵבִים טוֹבִים שֶׁתִּשְׁמְרוּהָ", בְּרֶענְגְטְס מִיר אַ גַאראַנְטִי אַז אִיר וֶועט הִיטְן דִי תּוֹרָה, הָאבְּן דִי אִידְן פְּרוּבִּירְט צוּ בְּרֶענְגֶען אַסַאךְ עֲרֵבִים, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיף אַלֶעמֶען גֶעעֶנְטְפֶערְט: "עֲרֵבְךָ צָרִיךְ עָרֵב" דֶער עָרֵב אַלֵיינְס דַארְף אוֹיךְ אַ גַאראַנְטִי, בִּיז דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזָאגְט: "בָּנֵינוּ עוֹרְבִים אוֹתָנוּ", אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זֶענֶען אוּנְזֶערֶע גַאראַנְטִיס אַז מִיר וֶועלְן הַאלְטְן דִי תּוֹרָה, "אָמַר הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, הָא וַדַאי עֲרֵבִים טוֹבִים", הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵיי גֶעזָאגְט דָאס זֶענֶען גוּטֶע הַאפְטְן, "עַל יְדֵיהֶם אֶתְּנֶנָּה לָכֶם", בִּזְכוּת דֶעם וָואס מֶען וֶועט לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה מִיט דִי קִינְדֶער גֶעבּ אִיךְ אַייךְ דִי תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים ח, ג): "מִפִּי עוֹלְלִים וְיֹנְקִים יִסַּדְתָּ עֹז", זֶעט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין אַ מְלַמֵד, לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶער תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת אמור, שנת תשע"ט)

## דַארְפְן קִינְדֶער אוֹיפְזַיין שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ אִינְגְל פוּן נַיין אוּן אַ הַאלְבּ יָאר, אִיךְ וואוֹין אִין יַבְנְאֵל, אוּן אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה׳ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִין מִירוֹן בַּיי מַעֲרִיב.

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה׳ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן גַאנְץ מִשְׁנַיוֹת, שִׁשָׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוּן יֶעצְט לֶערְן אִיךְ גְמָרָא אוֹיפְן סֵדֶר הַשַּׁ"ס, אִיךְ הַאלְט יֶעצְט מַסֶכֶת מְגִילָה י"ב.

אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, אוּן אִיךְ גֵיי יֶעדְן פְרַייטָאג מִיט מַיין טַאטֶע הַפָּצָה. אוּן אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ צוּ לֵיינֶען דִי מַעֲשִׂיוֹת אִין עֲצָתוֹ אֱמוּנָה.

דִי פַארְגַאנְגֶענֶע יָאר שָׁבוּעוֹת בִּין אִיךְ אוֹיפְגֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע נַאכְט, אוּן אִיךְ וִויל פְרֶעגְן אוֹיבּ פַאר אַ קִינְד אִין מַיין עֶלְטֶער אִיז גוּט אוֹיפְצוּזַיין דִי גַאנְצֶע נַאכְט שָׁבוּעוֹת.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בַּמִדְבָּר, כ"ז אִיָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יַבְנְאֵל

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוֹיל אִיז דִיר אוּן וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ לֶערְנְסְט פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְסַיֵים זַיין שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה בַּיי דִי נַיין יָאר; עֶס זֶענֶען דָא נַיינְצִיג יֶערִיגֶע מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְן נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען אוּן מְסַיֵים זַיין אֲפִילוּ אֵיין מָאל אִין זֵייעֶר לֶעבְּן דִי שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוּן יֶעצְט לֶערְנְסְטוּ גְמָרָא, דוּ לֶערְנְסְט שַׁ"ס כְּסִדְרָן אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן.

בְּנוֹגֵעַ אוֹיפְזַיין שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט, דוּ ווילְסְט וִויסְן אוֹיבּ אַ קִינְד פוּן נַיין יָאר זָאל אוֹיפְזַיין; אַוַדַאי אִיז גוּט אוֹיפְצוּזַיין אִין אַזַא הֵיילִיגֶע נַאכְט, רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת מַשָּׂא וּמַתָּן, הֲלָכָה ד) אַז מֶען אִיז אוֹיף שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט אִיז מֶען זוֹכֶה אַ גַאנְץ יָאר צוּ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; בֶּעט דַיין טַאטֶע זָאל דִיר דֶערְצֵיילְן דִי מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער שְׁלָ"ה דֶערְצֵיילְט, וָואס הָאט פַּאסִירְט אִין דִי צַייטְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן בֵּית יוֹסֵף וֶוען זֵיי זֶענֶען אוֹיפְגֶעוֶוען בַּיינַאכְט, וִוי עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זֵיי אַ מַלְאָךְ פוּן הִימְל אוּן זֵיי אַנְטְפְּלֶעקְט וָואס טוּט זִיךְ אִין הִימְל, אַ רַעַשׁ, פוּן דִי וָואס לֶערְנֶען בַּיינַאכְט דֶעם תִּיקוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת.

אַז מֶען זָאגְט דֶעם תִּיקוּן בִּתְמִימוּת מִיט אַ שִׂמְחָה קֶען מֶען אוֹיךְ הַיינְט זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת במדבר, שנת תשפ"א)


## חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג
אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א
אויף קול ברסלב
דרוקט: 1-2-4-2
שמעו ותחי נפשכם



צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעפיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876